שנה ד'
נומער קמ"ו
**פרשת נח**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלאט



# מוסדות היכל הקודש קרית ברסלב טרעט אריין אינעם פערטן יאר צום גוטן

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין חדר דאנערשטאג בראשית תשפ"ג



הושענה רבה ביים ראש ישיבה שליט"א

**נייעס:**

הערליכער יום טוב סוכות מיט'ן ראש ישיבה

**בילדער:**

אינטערעסאנטע בילדער פון יום טוב סוכות אין די קהילה

**א מעשה פון תפלה:**

באקומען א נייעם פאספארט דורך תפילה נאכן פארלירן די אלטע אין אומאן

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראסםער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

פרשת נח ד' חשון תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:40
מוצאי שבת............07:10

מנחה מעריב לך לך ... 06:45

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 28 | 58°/35° | Partly Cloudy |
| Sat 29 | 55°/36° | Partly Cloudy |
| Sun 30 | 58°/41° | AM Showers |
| Mon 31 | 58°/48° | Showers |
| Tue 01 | 60°/45° | Showers |
| Wed 02 | 59°/40° | Showers |
| Thu 03 | 59°/41° | AM Showers |
| Fri 04 | 59°/42° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין



א בריוו
עס קומט טאקע
א אויפרייס?
3


צום פינטל
מיטטיילונגען פון
מיין חול המועד
האלטן
4


שטעטל נייעס
דער ראש
ישיבה באזוכט
אין שטעטל
8


היכל הקודש נייעס
שיינע יום טוב
סוכות ביים ראש
ישיבה שליט"א
10


א סעודה ביים ר"
הערליכע
סעודה ביים
ראש ישיבה
22


בילדער אפטיילונג
יום טוב סוכות אין
די קהילה
35



מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו**
**וזוגתו תחי' תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך
נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.



מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה הערשל שניצלער הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך
נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.



# בריוו צו די רעדאקציע

## מען דערשרעקט מענטשן אז עס קומט א אויפרייס

לכבוד חברי המערכת קרית ברסלב

קודם יישר כח פאר די שיינע אויסגאבע מיר זענען זיך מחיה דערמיט, איך האב געוואלט אריינלייגן אפאר שורות, עס איז פארעפענטליך געווארן אין די אידישע מידיא ווי זיי זאגן נאך פון בעלי מקובלים אז די וועלט גייט אונטער גיין, וויל איך דא זאגן א זאך וואס איך האלט שוין מיט יארן לאנג, יעדע שטיק צייט קומען ארויס כסדר נבואות'ער פון די בעלי מקובלים, ממש הבל הבלים, עס איז נעבעך א רחמנות אויף כלל ישראל וואס זיי הערן עס בתמימות און זיי גלייבן אין דעם, און זייער לעבן ווערט זיי א גהינום, איך ווייס נישט ווי עס איז די אחריות פון די אידישע מידיא וואס זיי אליין ווייסן אז עס איז הבל הבלים - צו ברענגן די זאכן נאר כדי צו מאכן אינטערסאנט, אבער אין די זעלבע צייט דערשרעקן מענטשן.

איך האב געטראכט נאך א געדאנק, די יעצטיגע ליצנות וואס די שטערן זעהער זאגן פאר איז אז עס קומט א אטאם אויפרייס פון רוסלאנד וואס דאס גייט פארניכטן די וועלט, איך האב געקלערט אז מיר זעען אין מצרים אז די כישוף מאכער האבן געזאגט ראו כי רעה נגד פניכם, זאגט רש"י אז די שטערן זעעהער זענען אבער זיי ווייסן נישט פינקטליך וואס זיי זעען, זיי האבן געזען בלוט, און זיי האבן געווארענט די אידן אז עס וועט נישט טויגן דאס ארויסגיין אין מדבר וויל עס גייט גיין בלוט דארט, זאגט רש"י אבער זיי האבן נישט געוויסט אז דאס איז אמת, עס איז געווען בלוט אבער נישט בלוט פון הריגות נאר בלוט פון ברית מילה וואס יהושע האט גע'מל'עט אידישע קינדער אין מדבר.

די זעלבע זאל קען מען זאגן, עס קען זיין אז די שטערן זעעהער זעען זאכן, אבער זיי ווייסן נישט וואס זיי זעען, זיי זאגן אז עס
א אויספרייס, יא
מיר זענען



מודה עס קומט א אויספרייס פון אמונה אין די גאנצע וועלט, מענטשן גייען ענדליך זיך אנהייבן צוצוהערן צו די הייליגע ווערטער פון הייליגן רבי'ן, עס קומט א אטאם פון רוסלאנד וואס דאס איז דער רבי וואס מנחתו כבוד איז אין אוקריינא - רוסלאנד.

יא! זיי זענען גאר גוט, יראו עינינו וישמח לבינו צו זען ווי די ראדיאציע שטראלן פון די הייליגע לימודים וואס מען לערנט אין היכל הקודש זאל פארשפרייט ווערן אין די גאנצע וועלט

י. ח ל. - וויליאמסבורג

## מיין הויכפונקט פון ראש השנה תשפ"ג

שכח אייבערשטער, נאך דריי יאר בעטן דעם אייבערשטן צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, בין איך דאס יאר אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן.

וואס האט מיר פערזענליך די מערסטע איבערגענומען איז געווען ווי שטארק דער ראש ישיבה לאזט זיך ארפּ צו זיינע קינדער, און ווי דאס איז די חשוב'סטע זאך פאר אלע ענינים. די ערשטע מאל האב איך דאס געזען ביי די הויכפונקט פון ראש השנה, מ'האלט שוין ביי "למנצח לבני קורח מזמור", און מ'גייט שוין בלאזן שופר, אלע קוקן אויפן ראש ישיבה, דער ראש ישיבה איז איבערגעדעקט מיטן טלית, און פלוצלינג נעמט דער ראש ישיבה ארפּ די טלית פון זיין קאפ און לאזט רופן זיינע קינדער, און ווי נאר זיי קומען אן נעמט זיי די ראש ישיבה אריין פאר זיך אין ווייזט זיי אין זיין אייגענע מחזור וואס מ'זאגט יעצט.

אזוי אויך ווען דער ראש ישיבה איז ארויף צו פתיחת הארון ביי "אבינו מלכנו", האט דער ראש ישיבה גערופן זיינע קינדער און צוזאמען מיט זיי געזאגט די אבינו מלכנו.

דאס האט מיר אזוי באנומען און אויפגעשאקלט, צו זען אז דווקא ווען מ'האט געהאלטן ביי די הויכע מעמדים, וואס געווענליך וויקלט מען זיך איין אין די טלית, און מ'פארגעסט פון די גאנצע וועלט, קומט דער ראש ישיבה און ווייזט אונז אז דווקא וויל עס איז אזא גרויסע צייט דארפן דאס די קינדער מיט האלטן. אשרינו שזכינו.

אבא חייא רייזמאן - בני ברק



# צום פינטל

# מיטטיילונגען פון מיין חול המועד האלטן.

מיינע געשוויסטער - בעסער געזאגט איינע פון מיינע געשוויסטער - האבן זייער געוואלט טון עפעס דעם חול המועד וואס זאל פאראייניגן די גאנצע משפחה, די פראצעדור איז צוגעגאנגען מער אויפן וועג ווי אזוי אהרן הכהן האט שלום געמאכט צווישן צוויי מענטשן... פאר יעדעם האט מען געזאגט אז יעעדער... וויל גיין ערגעץ צוזאמען חאלעמויד האלטן, נו, אז יעדער וויל, האב איך דאך נישט די הארץ צו גיין בידיים צוברעכן א משפחה בישראל... אז מען מוז, מוז מען! יא איר האט צוגעטראפן, עס איז די זעלבע שוועגערין וואס ווייסט קלאר צו זאגן אז יעדער 'מוז' אריינטשיפן צו קויפן א מתנה פאר יעדע נייע חתונה געהאטע קאפעל, און וואס איז וועגן באצאלן? הע! די זעלבע וועג ווי איר מאן וועט זיך ברעכן קאפ צו באצאלן דעם טשעיס קארטל סוף חודש אזוי ווען אלע איבריגע שוואגערס און ברודער זיך ברעכן קאפ און טון דאס זעלבע... איז לאמיר נישט אריינגיין אין די פאליטיק פון די משפחה, נאך אלע טענה'רייען, און שטייערן וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף יעדן קאפ-צאל פון די משפחה, מען דארף דאך דעקן די קאסטן, הגם עס איז 'נאר' 40 דאלער א מענטש פאר די פארוויילונגס פלאץ, און עס איז 'נאר' 15 דאלער פאר די באס, פלאס געז און טאל'ס, אבער דאס געלט קומט נישט צופיס, וועט מען גיין מיט די אלטע וועג פון 'יעדער זאל אריינטשיפן' די אפגעשטימטע שטייערן וואס עס קאסט.

נאך אלע מעשיות, איז מען געקומען צו די החלטה אז מען גייט פארברענגען א טאג אין די 'טשאקוועניליע ענימאל זו' אין פענסילוועניע, עס איז סך הכל 'נאר' דריי שעה צו פארן (אפשר אינמיטן די נאכט), די באס וועט ווארטן און צוריק ברענגען דעם עולם, ממש א חלום פון א חול המועד האלטן.

נו! ויסעו מען פארט שוין, די פא"ן פון חול המועד סוכות תשפ"ג איז שוין אריין אין קראפט... מיר האבן איינגעפאקט א קליינע צאמלייג סוכה, מ'האט מיטגענומען גענוג עסן, איינער האט אריינגעלייגט א באקס בעיבי פינגערס... מען גרייט זיך אריבערצופארן דעם גרעניץ צווישן ניו יארק און פענסילוועניע... עפעס טרעפיק איז דא, אבער עס פארט...

מען איז שוין אנגעקומען, מיר זענעןביים אריינגאנג פונעם טיער גארטן, - נ"ב פארוואס א זו הייסט א טיער גארטן ווייס איך נישט, אויך קען איך דיר נישט פארטייטשן די ווארט זו, דאס איז א פלאץ ווי מען האלט אויף פארשידענע באשעפענישן, און די מענטשן קומען זיך דארט אומקוקן אויף די ווינדער וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אינעם פינפטן טאג פון די יצירה.

אה ברוך השם מיר שטייען שוין אין די ליין, מיר ווארטן אינאיינעם מיט די פילע משפחות פון אחינו בני ישראל וואס זענען דא פארווארפן געווארן.

איך וועל אייך אביסל געבן א אפהאנדלונג פון יענעם טאג, און...



איך מוז אייך זאגן איך בין אהיימגעקומען מיט א שיינע עקספיריענס, מען קען זאגן אז עס האט זיך געלוינט די גאנצע נסיעה פאר דאס וואס איך האב מיך געלערנט יענעם טאג.

מיר הייבן אן: געקויפט טיקעטס פאר אלע קינדער, די ערשטע פלאץ ווי מיר זענען געגאנגען איז א מוזעאום... פרעג מיך נישט פארוואס עס הייסט א מוזעאום, איך האב געמיינט אז מען גייט טרעפן דארט ווער ווייסט וואס... א מוזעאום איז דאך א פלאץ פון אלטע זאכן, ווער ווייסט וואסערע אלטע חיות מען גייט דא טרעפן, אפשר די קוען פון פרעה'ס חלום... אבער ארויסגייענדיג בין איך גארנישט קלוגער געווארן, די חידה איז מיר געבליבן אומפארענטפערט, אזוי איז עס ויקרא שמו בישראל מוזעאום, חוץ דער אלטער גוי וואס האט אונז געגעבן די טור איז דארט גארנישט געווען אלט... טונקל איז דארטן געווען, איך האב געטראכט צוויי סברות פארוואס עס איז געווען טונקל, אדער ווייל זיי האבן געוואלט אז עס זאל אויסזען פארצייטיש ס'איז דאך א מוזעאום, אדער א צווייטע סברה - און איך מיין אז דאס איז די ריכטיגע סיבה - זיי האבן פשוט מורא געהאט אז מען גייט זען אז עס איז דארט גארנישט דא.

דאס איז געווען די ברוך הבא אינעם זו, פון דארט זענען מיר געפארן מיט א טרעין ווער עס איז נאכנישט געווען אויף יענעם טרעין 'לא ראה פאן מימיו' דארט איז געווען די פא"ן אויף א נעקסט לעוול...

דער עולם האט געבראכן, זיך אפגעוואשן, און מען איז אנגעקומען צו א ריזיגע פאלשע נו ווי אזוי הייסט שוין דארט דער מיטן לאנגן האלז? אה די דזשעראף, א מזל אז מיר זענען אנגעקומען דארט, ווייל דארט האט זיך אנטוויקלט א שיינע תורה'דיגע שמועס צווישן די שוואגערס צו עס איז באמת א כשר'ע חיה נאר ווייל עס האט א לאנגע האלז ווייסט מען נישט ווי די פלאץ פון די קנה און ושט און מען ווייסט נישט ווי עס צו שחט'ן, בקיצור אזוי איז די טאג נישט אינגאנצן אוועק געגאנגען אן קיין לימוד התורה.

נעקסטע סטאנציע: גאר אינטערעסאנטע שלענג, אלע סארטן און אלע מינים, באמת אינטערעסאנט צו זען די געפארפולע דיקע שלענג וואס מען זעט נאר אין די ביכער, זען דאס לעבעדיג ווי דער שפייט גיפט מיט זיין צינג, יא! פרעג נישט דארט זענען געווען אלע מינים קאלירטע בעקיטשעס, הערליכע דעזיינס, מען ברויך רופן די גבאים פון די רבי'ס זאלן כאפן א בליק וואס דאס הייסט אמת'ע כבוד התורה...

מיר קומען אן צו די פייגל אפטיילונג, טויזענטער מיני פייגלעך פליען ארום, אלע מיני קולות, אלע סארטן קאלירן, דערנעבן זענען די ריזיגע אדלער וואס עפענען די פליגלעך, אך איז דאס שיין, די פיקאק אה, אזוי שיין די קאלירן, איך מיין אז איך צי צוריק, דער וואלט געברויכט זיין די קאליר פונעם רבי'נס בעקיטשע, אבער שוין, מיר גייען נאכנישט ציען קיין מסקנות, ווער ווייסט אפשר קומט נאך שענערס.

פון דא איז עס שוין געגאנגען געשמירט, אה! ביי די עלעפאנטן האבן מיר ארויס גענומען די שטריימל בעקיטשע צו קענען מאכן דעם 'משנה הבריות' געהעריג מיט'ן שם ומלכות, און אין איין וועגס שוין מוצא זיין די מאלפעס און גורילעס וואס געפינען זיך דערנעבן.

גראדע קיינמאל בעפאר נישט געזען דער קעניג פון די חיות, אים האט מען גוט צוגעשטעלט, א גרויסע הויף, מיט א רואיגקייט שפרייזט דער מאמע לייב ווען אונטער איר שפאצירן די פרינצעסן, אה! א מחיה א גרויסע משפחה... נאך א בעיבי נאך א לייבעלע.

אה דער לעמפערט, דער קא'טייגער, מיר האבן זיך דעמאנט אז 'איין קאטייגער נעשה צילייגער', אבער עס זענען געווען מער פון איין טייגער, האבן מיר נישט געקענט געהעריג דרשענען דעם דרש, עס זענען געווען פארשידענע קא'טייגאריעס, על כל פנים.

ביי די בערן האבן מיר זיך אפגעשטעלט מיט א טאץ פירות, געהעריג כיבוד... דאס איז געווען מער אזא ביקור גומלים... פאר דאס וואס זיי קומען כסדר אפשטאטן באזוכן ביי אונז אין שטעטל...

מיר זענען אנגעקומען צו דעם 'כוי' גראדע א מבוכה ווי אזוי מען זאגט עס ק'ווי (מיט א שווה אונטערן כ') אדער אין אנדערע מקומות רופט מען עס קוי מיט א חולם אויפן כ', איך שיהיה האבן מיר געזען אז זיי האבן אנגענומען אז עס איז א חיה, ווייל זיי האבן עס אריין געשטעלט צווישן די חיות, אדער קען זיין אז זיי האלטן

אויך אז דאס איז א ספק חיה ספק בהמה, און מספק האבן זיי עס אריינגעשטעלט צווישן די חיות.

אזוי זענען מיר געגאנגען לאנגע שטרעקעס און באטראכט די וואונדערליכע נאטורן פון די באשעפענישן וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, איך גיי נישט אויסרעכענען יעדע חיה וואס דארט איז געווען, אבער דאס איז מיר געווען די מערסט אינטערעסאנט, ווען דער טור גייד האט אונז געזאגט אז מיר גייען דורך א טונעל און דארט הייבט זיך אן די ריכטיגע שרעקעדיגע חיות, א סקרוך איז אדורך מיינע ביינער ווען מיר האבן אנגעהויבן צו זען גרויסע רויטע פלאקאטן איר גייט אריין אויף אייער אייגענע אחריות, די מערסט סכנה'דיגסטע חיה אין די וועלט.

איך האב געטראכט צו מיר וואסערע חיה האבן מיר נאכנישט געזען, זיי האבן געוויזן מאנסטערישע בילדער ריזיגע פארציקענדע עלעגעטארס מיט זייער אויסגעשטרעקטע אפענע מייל־ער.

ממש יעדע טריט נאך א סיין 'איר דערנענטערט זיך צו די מאויסט דענדזשערעס ענימעל', מיר האבן שוין געזען פונדערוויטנס די ריזיגע פארמויערטע טירן, גרויסע שלעסער פארשפארן די קייטן וואס בינדן ארום דעם גאנצן עפענונג.

עס האט מיר זיך נאר געוואונדערט ווי אזוי פיטערט מען אזא חיה אויב איז אזוי שרעקעדיג צו גיין נאר פון די נאנט, מיר האבן גענומען די ריסק און שפאצירט ווייטער א שלאס נאך א שלאס א סיין נאך א סיין מיר זענען אלעס דורכגעקומען.

און... מיר שטייען שוין פארענט פונעם קארידאר וואס פירט צו די שטייג פון די מסוכנ'דיגסטע חיה וואס עס איז נאר דא.

איך האב מיך אפגעשטעלט און גוט אריינגעטראכט בין איך טאקע גרייט אויף דאס ערגסטע? וואס טו איך אויב די חיה צעווילדעוועט זיך און שניידט דורך אלע שלעסער...

אבער מיין נייגער האט זיך געשטארקט, איך זאג שמע ישראל און איך שפאציר אריין אינעם טונקעלן קארידאר, איך הער שוידערליכע קולות קען זיין אז עס האט זיך מיר נאר געדאכט, ווער ווייסט, עס האט מיר אביסל געטרייסלט, זעענדיג די גרויסע שילדן פון אלע זייטן וואס טוען ווארענען די ווייטקייט וואס מיר געפינען זיך, נאר טויזנט פיס צו גיין ביז די עפענונג פונעם שטייג!

איך האלט שוין ביי קוים נישטיגע הונדערט פיס אוועק, איך טראכט מיר אזוי, אפשר ווער איך געפירט דורך די מלאכי חבלה צום גיהנום, די אויסקוק פון די פלאץ האט צוגעגעבן צום דראמא, עס זעט אויס ווי עס איז אמאל געווען א אלטע אונטערערדישע תפיסה.

איך האלט קוים צען פיס אוועק פון דעם מעכטיגן פארפאנצעטער טיר איך זען שוין די דיקע דאפעלטע גלאז ביים פענטער פונעם טיר, פארזיגלט מיט אייזערנע קייטן.

און... איך שטיי שוין ביים טיר, איך קוק מיך גוט אריין אינעם גלאז, איך שטרענג מיך אן מיט אלע כוחות זיך צו האלטן פעסט, דא זע איך ווי די פארוואלטונג פונעם טיער גארטן האבן געמאכט א גוטער שפיל אויף אונז, איך האב גארנישט געזאגט פאר די איבריגע מיטגלידער פון די משפחה וואס איך האב געזען... איך האב געקענט באשטיין אז אלע זאלן האבן דעם זעלבן שאק וואס איך האב געכאפט... איך קוק אריין אינעם פענסטער פון די טיר וואס זע איך דארט, נישט מער און נישט ווייניגער... איך זע... 'מיך אליין...' וואס גייט דא פאר? איך פראביר צו קוקן אלע זייטן אבער מער פון ריזיגע שפיגלען וואס שפיגלט מיך זעלבסט אפ זע איך נישט...!

איז דאס טאקע אזוי? איך בין די מערסט סכנה'דיגע חיה וואס איז נאר באשאפן געווארן? אה! האבן זיי עס גוט געמאכט מיט מיר, איך שטיי און איך טראכט, יא דאס מאל האבן זיי צוגעטראפן, יא! 'אדם' 'דער מענטש...' יא דאס איז דער שרעקליכסטער בעל חי אויף די וועלט, דאס וואס מענטשן זענען אומשטאנד צו טון דאס קען קיין שום בעל חי נישט טון, א מענטש אן תורה, אן א צדיק, אוי וואספארא חרבנות דער מענטש האט געמאכט אויף די וועלט, די ליסטע איז ענדלאז, ווען מען קוקט אויף די גרויסע פיקטשער, די וועלט אין אלע אירע דורות זענען פארפאלגט געווארן פון טיראנען, זינט אנהייב פון בריאת העולם, ביז צום יעצטיגן מאמענט, איז דער מענטש מיט זיינע פארדרייטע שיטות, איז דער וועם עס קומט זיך דער מעדאל פון פארפאלגן און פארפייניגן דאס

מענטשהייט, דאס מערסטע וואס מען דארף זיך אכטונג געבן איז פונעם מענטש.

צו ווען מען קוקט אויף די קלענערע פיקטשער, דער מענטש מיט זיינע נאנטע, דער מענטש מיט די אזויגערופענע חברים, אזא שטארקע לימוד, אוי ווי וויכטיג עס איז פאר די מענטש אז ער זאל דאס וויסן, קענסט געטרויען יעדער אנדערע בעל חי מיט דיינע סודות, קיינער וועט דיך נישט אזוי פארראטן ווי 'דער מענטש' יא! צו מען וויל יא צו מען וויל נישט, איז דאס דער ריינער נאקעטער פאקט, דאס איז א מענטש וואס פירט זיך אן תורה אן א ערליכער איד, ער וועט דיך אויסניצן, און דערנאך הרג'ענען, און אויב ס'פעלט אויס, אויך באגראבן, אודאי א מענטש דארף האבן חברים, אבער אלעס איז מיט א מאס, פארקויף דיך נישט פאר א חבר, געב נישט איבער קיין פריוואטע זאכן פאר א חבר, געדענק! דער מענטש איז נאך אלעס דער שעדליכסטער חיה, אודאי נישט יעדער, און נישט אלעמאל, אבער דו דארפסט עס האלטן פארנט פון זיך אז עס איז יתכן אז דער מענטש דער איז דער וואס גייט דיך אומגליקליך מאכן.

וואוו וואספארא איבערלעבעניש... די לימוד איז מיר גאר גוט אריין אין די ביינער, אבער שוין אויפן וועג צוריק, האבן איך געהאט צייט צו טראכטן נאך טיפער דערוועגן, איך האב מיך פארטיפט אין דעם עפיזאד און איך האב געכאפט אז עס איז נאך טיפער פון דאס וואס איך האב געמיינט.

איך טראכט, איך קלער, איך האב אפגעלערנט דעם געשעהעניש דעם שפיצל פון יענעם חול המועד האלטן ווי א שטיקל גמרא, אויב איך האב ביז דאן געמיינט אז איך דארף מיך לערנען דערפון ווי שעדליך מענטשן זענען האב איך א טראכט געטון... אינעם שפיגל האב איך געזען, ווער? א מענטש. אבער וועלכער מענטש, איך האב זיך זעלבסט געזען... אהה! דאס איז שוין גאר א אנדערע לימוד, יא! איך ווייס אז מענטשן, חברים, דיקטאטורן, זענען זייער שעדליך, און מען דארף זייער אכטונג געבן פון זיי, אבער איך מיין אז עס איז דא שעדליכערס פון דעם, דער מענטש אליין!

קיינער אין די וועלט קען דיך נישט אזוי צוגרינד לייגן ווי דו אליין, וואוו! שטארק! ניין? יא!

אה און דא קומט א לאנגע ליסטע, דו ווייסט וואס איך בין אריבער פון מיינע מלמדים?

דו ווייסט וואס איך האב אלס אפגעטון?

דו קענסט מיין עבר?

דו דארפסט קענען מיין טאטע!

דו ווייסט וואס ווער מיין מאן איז?

דו ווייסט וואסערע ווייב איך האב באקומען?

דו ווייסט פון וואו איך קום?

ניין שעפעלע! איך ווייס נישט! אבער דאס וואס דו האסט געטון ביז יעצט, און דאס וואס מענטשן האבן דיר געטון, און אלעס וואס דו ביסט אריבער האט קיינער נאכנישט געטון צו דיר - דאס ארגסטע - דו מיטן זיך אפסטעמפלען פאר א שוטה... א חוטא... א גויטע... א רויטע... דו מיטן זיך נישט קענען מוחל זיין, דו מיטן נישט ווילן אריבער מישן די בלעטל, דו מיטן נישט וועלן גיין ווייטער דו ביסט דער שעדליכסטער חיה וואס איז נאר באשאפן געווארן.

עס איז אמת טאקע א מענטש אן תורה איז ערגער פון די ערגסטע חיה נישט דא קיין גרעסערע סכנה פאר די וועלט ווי דער מענטש, אבער נאך שעדליכער פאר דיין לעבן ביסטו! דו אליין! דער אייבערשטער האט דיר שוין לאנג מוחל געווען - זאגט דער ראש ישיבה ביי די שיעורים - אבער דו קענסט זיך נישט מוחל זיין, דער שפיגל האט טאקע געמיינט דעם וואס דו זעסט אין שפיגל קיינער איז דיר נישט אזא גרויסע שונא קיינער קען דיר נישט אזוי חרוב מאכן דיין לעבן ווי... דו (איך) אליין.

'דו' קענסט לעבן א חיים טובים, הער דיך שוין אויף אויפצועסן, הער דיך שוין אויף צוגרינד לייגן, הער שוין אויף צו זיין פארנומען מיט ווייזן, מיט נקמה, מיט רציחה, קוק דיך גוט אריין אין שפיגל, און הייב אן לעבן 'דיין' אייגענע לעבן.

די נסיעה האט זיך מיר אויסגעצאלט! איך האף אז פאר דיר אויך! נעם א ערליכער איד וואס זאל דיר ווייזן ווי אזוי דו זאלסט נישט זיין אזא רשע און נישט צוגרינד לייגן דיין לעבן!

א גוט מועד א גוט מועד!



# שטעטל נייעס

## דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל



קרעדיט: שמעי' וואקס

פארגאנגענעם דאנערשטאג נאך יום טוב סוכות איז דער ראש ישיבה געקומען באזוכן דעם שטעטל, אויפן וועג איז דער ראש ישיבה געגאנגען מנחם אבל זיין אין קרית יואל האברך ר' יואל משה פליישמאן הי"ו וואס זיצט שבעה נאך זיין טאטע עליו השלום.

אין א בריוו ערב שבת בראשית שרייבט דער ראש ישיבה:

***נעכטן בין איך געווען א גאנצן טאג אין שטעטל. אויפ'ן וועג האב איך זיך אפגעשטעלט אין קרית יואל מנחם אבל זיין אונזער טייערער חבר, דער חשוב'ער מלמד ... וואס זיצט שבעה נאך זיין טאטע. עס איז געווען אזוי אינטערעסאנט, "בא לחזק" איך בין געקומען מחזק זיין, "ונמצא מחוזק" און איך בין ארויס מחוזק; ווען מען טרעפט זיך מיט אנשי שלומינו הויבט אן גיין פייער, מען פארגעסט וואס טוט זיך ארום זיך, מען רעדט פון אמונה מיט אזא פייער.***

פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן צום שטעטל און גלייך צוגעקומען צום נייעם בנין הקהילה וואס וועט זיין פאר די קיאסק און פאר די באזאר, ר' מרדכי היימליך הי"ו - וואס איז געווארן געשטעלט דורכ'ן ראש ישיבה צו אהערשטעלן דעם קיאסק מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס - האט געוויזן פאר'ן ראש ישיבה אלע דעטאלן פונעם קיאסק און ווען עס וועט שוין ווערן געעפנט בעזרת השם.

אויך האט דער ראש ישיבה זיך אומגעקוקט ביי די נייע לאקאל וואס איז גלייך נעבן דעם באזאר, און דער ראש ישיבה איז אדורך געגאנגען מיט האברך ר' מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו אלע דעטאלן פונעם באזאר.

אינעם זעלבן בריוו ערב שבת שרייבט דער ראש ישיבה:

***פון דארט בין איך געפארן קלאפן א מזוזה אינעם נייעם בנין וואס מיר גייען יעצט נוצן פאר א פלאץ וואו מען וועט קענען נוצן קאמפיוטערס צו קויפן זאכן און ערלעדיגן זאכן אן דארפן ארייננעמען א קאמפיוטער אין שטוב, און דארפן ארייננעמען א טעלעפאן אין שטוב. דארט וועט אויך זיין א געשעפט פאר קליידער פאר יונג און אלט - פאר ממש בחינם; דאס איז ביי מיר זייער א חשוב'ע זאך, צו קענען צושטעלן פאר אנשי שלומינו א וועג צו לעבן אן קיין חובות.***

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן אין קרן הדפסה היכל הקודש ווי ער האט זיך אומגעקוקט אויף די ארבעט פון דרוקן די גליונות ספרים און קונטרסים.

אינעם אויבן דערמאנטן בריוו שרייבט דער ראש ישיבה:

***פון דארט בין איך געגאנגען צום בנין הדפסה מחזק זיין די מדפיסים. ווען מען קומט אריין אין בנין הדפסה זעט דאס אויס ווי א חלום, עס שטייען אינגעלייגט און דרוקן ספרים, קונטרסים; הונדערטער טויזנטער ספרים און קונטרסים וואס רעדן און פארשפרייטן אמונה, חיזוק און עצות פאר'ן לעבן.***

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער צום תלמוד תורה וואס האט יעצט אנגעהויבן א פרישע זמן דעם פערטן יאר צום גוטן קע"ה מיט צוויי פרישע קלאסן, דער ראש ישיבה האט געגעבן א שיעור פאר די קינדער און זיי געזאגט אז זיי האבן גאר גוטע מלמדים, די אלע מלמדים וואלטן געקענט שיין מצליח זיין אין ביזנעס און האבן שיינע קארס, נאר זיי האבן אלעס געלייגט אין א זייט און געקומען אין תלמוד תורה לערנען מיט די קינדער אז עס איז דא א באשעפער

<<<<

אויף די וועלט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון אלע קינדער זיי זאלן פארציילן א מעשה פון תפילה וואס זיי האבן געהאט.

שפעטער האט דער ראש ישיבה באזינדער מחזק געווען די חשובע מלמדים.

אינעם אויבן דערמאנטן בריוו שרייבט דער ראש ישיבה:

*פון דארט בין איך געפארן צום בנין התלמוד תורה. איך האב געדאווענט מנחה מיט די קינדער, נאכדעם בין איך געווען אין די כיתות, איך האב גערעדט מיט די קינדער. וואס זאל איך דיר זאגן, די קינדער זענען אזוי ליכטיג, אזוי טייער, אזוי ריין; אנגעפילט מיט אמונה, מיט תפילה. יעדער האט מעשיות פון תפילה, ווי נאר איך קום אריין אין חדר לויפן מיר די קינדער נאך מיט מעשיות פון תפילה.*

*איך בין געגאנגען קוקן דעם נייעם בנין התלמוד תורה; עס זעט שוין אויס כמעט פערטיג, איך האף צום אייבערשטן מען וועט אריינגיין אינעם נייעם בנין בקרוב.*

דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט ביי די הייזער וואס מען האלט אינמיטן בויען, פון דארט איז ער אריבער קלאפן מזוזה אין שטוב פון זיין זון הרב ר' שלמה נרו יאיר וואס האט נארוואס געקויפט א נייע דירה.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער קלאפן מזוזה ביים נייעם דירה פון מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו גבאי בית המדרש פעולת הצדיק אויף די רעדקליף גאס, און פארפירט מיט אים א שיינעם שמועס וויאזוי צו פירן דעם בית המדרש.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער צום בית המדרש אויף רעדקליף און געזאגט אז דער בית המדרש וועט ווערן גערופן "פעולת הצדיק" על שם דעם הייליגן ספר וואס מוהרא"ש האט געשריבן די גאנצע לעבן געשיכטע פון הייליגן רבי'ן. אינעם בריוו שרייבט דער ראש ישיבה אויף דעם שול "עס איז א שיינע ווארימע ווינקל, אויך שרייבט דארט דער ראש ישיבה "*עס איז א שיינע ווארימע ווינקל*", אויך שרייבט דארט דער ראש ישיבה: *מיר זוכן צו בארגן א ספר תורה, (אויב דו ווייסט ווער עס קען מיר פארבארגן א ספר תורה פאר א שטיק צייט - לאז מיר וויסן, נאך אביסל ענדיגן מיר שרייבן פרישע דריי ספרי תורה).*

מיט דעם האט זיך געשלאסן דעם הערליכן באזוך, וואס האט איבערגעלאזט אסאך גוטע השפעות פאר יעדן איינעם.

## פיפטער בית המדרש אין שטעטל מיט'ן נאמען "פעולת הצדיק"




ברוך השם די שטעטל ווערט נאר גרעסער מיט פרישע משפחות וואס ציען זיך אריין, דער ראש ישיבה פרובירט גאר שטארק אז די פרייזן פון דירות זאל בלייבן סטאביל, כדאי אינגעלייט זאלן קענען לעבן מיט רואיגקייט און מנוחת הנפש, צוליב דעם סיבה קויפט מען נישט אפ אזוי שנעל יעדע דירה פון די שכנים, ווייל מען וויל נישט צאלן קיין טייערע פרייזן, נאר מען פרובירט צו קויפן הייזער וואס איז נארמאלע פרייזן, אפילו עס קומט אויס אביסל ווייט איין הויז פון צווייטן, אזוי אויך ווען עס קומט צו בויען פרישע הייזער גייט מען אויף דעם זעלבן סיסטעם, וואו מען טרעפט א לאט פאר א גוטע פרייז קויפט מען עס אפ און מען בויעט אויף דעם ארויף הייזער, מיט דעם קומט אבער צו אז מען וואוינט טאקע נישט אין איין געגענט און שבת קען מען נישט דאווענען אין איין בית המדרש אזוי ווי אינדערוואכן וואס מען קען פארן מיט א קאר, צוליב דעם עפענט מען יעדע שטיק צייט נאך א בית המדרש אין א פרישע געגענט, יעצט איז געקומען די צייט פאר די געגענט אויף רעדקליף, דאס איז גלייך ביים אנהייב שטעטל, ווי געשריבן אין די נייעס פונעם באזוך אין שטעטל האט דער ראש ישיבה א נאמען געגעבן דעם בית המדרש "פעולת הצדיק".

דאס איז די פונפטער בית המדרש אין שטעטל, די ערשטע בית המדרש איז אויף האשקי אינטערן הויז פונעם ראש ישיבה שליט"א, די צווייטע האט זיך געעפענט אין די געגענט פון דענמאן מיט'ן נאמען "אשר בנחל", די דריטע איז אויף די טווין ברידזש גאס מיט'ן נאמען "עצתו אמונה", די פערטע איז אויף די מארקס גאס מיט'ן נאמען "מקור השמחה", און יעצט איז צוגעקומען די פיפטער בית המדרש מיט'ן נאמען "פעולת הצדיק".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון אלע בתי מדרשים אין שטעטל זאל ארויס קומען נאר מצות ומעשים טובים, און התחזקות צו גיין אינעם רבינ'ס וועגן.

# היכל הקודש נייעס

**וויליאמסבורג**

## שיינע יום טוב סוכות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א




גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווען מען האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

עס איז נישט מעגליך אראפצושרייבן אויפ'ן פאפיר די געפילן פון הארץ פון די אלע וואס האט מיטגעלעבט דעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, מיר וועלן פרובירן אין קורצן איבערצוגעבן ווי אזוי דער יום טוב איז אריבער, און אביסל פון וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן און מקבל זיין פונעם ראש ישיבה שליט"א.

### ערשטע טעג יום טוב

די ערשטע טעג יום טוב זענען אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט,ביידע טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית פאר'ן עמוד מיט גרויס התעוררות און געשמאק, די הלל נענועים און די הושענות זענען געווען גאר דערהויבן.

אינדערפרי פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט אין זוהר הקדוש ווי ער האלט יעצט (פרשת חיי שרה), וואס רעדט ווי יצחק האט חתונה געהאט מיט רבקה, דער זוהר פרעגט פארוואס שטייט נאר ביי יצחק "ויאהבה", ער האט איר ליב געהאט? דאס איז ווייבאלד יצחק האט געדינט דעם אייבערשטן מיט מדת גבורה, האט דער אייבערשטער ארויסגעשריבן בפירוש אז ער האט איר ליב געהאט, ווייל אפילו מ'דינט דעם אייבערשטן מיט גבורה, אבער שלום בית מוז צוגיין מיט אהבה.

נאכ'ן דאווענען איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע קידוש אין די שיינע סוכה ביים הויף פון שול, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט גאר שיינע דיבורי התחזקות לכבוד יום טוב.

ביים קידוש דעם ערשטן טאג האט ראש ישיבה גערעדט איבער דעם זוהר וואס שטייט אז אברהם אבינו געהאט א בוים און נאר ווער ס'איז געווען ראוי' האט די בוים אים געמאכט א שאטן, האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע פשט, די בוים מיינט דער צדיק, און ווער עס גלייבט נישט אין צדיק ער איז נישט אונטערן שאטן. דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער אברהם אבינו'ס געצעלט וואס האט געהאט פיר טירן, רש"י ברענגט יעדער האט געקענט קומען עסן, שפעטער ווען מען האט געענדיגט עסן אויב האט ער געדאנקט דעם אייבערשטן האט ער נישט געדארפט צאלן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אברהם אבינו איז געווען איין שטיק הפצה, אזוי ווי דער רבי האט אונז אויסגעלערענט, מ'זאל מודיע זיין פאר יעדעם אז דער אייבערשטער איז דא, ער האט נאר געזוכט אז נאך א מענטש זאל אנערקענען אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט די גאנצע וועלט".

דער צווייטער טאג פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א שטיקל פון פעולת הצדיק.

נאכן דאווענען ביים קידוש אין סוכה האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "פארוואס ווערט עקידת יצחק גערופן אברהם אבינו'ס נסיון? און פארוואס הייבט זיך אן שמחת בית השואבה פונקט ביי אושפיזא דיצחק? אויך פארוואס פונקט ביי יצחק שטייט 'ויאהבה'? נאר ווי באקאנט איז יצחק געווען מדת גבורה, דאס מיינט אלעס אוועקגעבן פארן אייבערשטן, זיך שחט'ן פארן אייבערשטן, דערפאר האט ער נישט געהאט אזא שווערע נסיון ביים עקידה, אבער אברהם וואס האט געדינט דעם אייבערשטן מיט 'חסד', האט געהאט גאר א גרויסע נסיון צו שחט'ן זיין קינד. פארדעם טאקע שמחת בית השואבה הייבט מען אן דווקא ביי יצחק, ווייל פאר יצחק וואס דינט דעם אייבערשטן מיט גבורה איז א קונץ צו זיין פרייליך, און טאקע פאר דעם שטייט ביי יצחק 'ויאהבה'. מענטשן מיינען אז די מאן און ווייב דארפן טראכטן די זעלבע, אבער ניין שלום בית איז דווקא ווען מען איז פארקערט, ווייל אפילו מיט מידת גבורה קען מען האבן שלום בית".

<<<<

## יארצייט פון הייליגן רבי'ן

מיטוואך נאכט איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה קעגן איבער דעם בית המדרש.

מען האט זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה, מ'האט געזינגען דעם שיר ידידות וואס רבי יצחק ברייטער זצ"ל האט מחבר געווען.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס. דער ראש ישיבה האט געזאגט: מענטשן פרעגן וואס מ'זאל זיך אונטערנעמען פארן קומענדיגן יאר, איך לערן שוין חומש רש"י, זאל איך צולייגן אור החיים? רמב"ן? האט דער ראש ישיבה געזאגט לייג צו נאך א איד זאל לערנען חומש רש"י, מאך הפצה, מאך אז נאך א איד זאל וויסן אז מען קען מעביר סדרה זיין פון זונטאג יעדן טאג אביסל". דערנאך האט מען געטאנצט ביז שפעט אין די נאכט לכבוד שמחת בית השואבה

## שבת חול המועד

ביי די באטע ביים ראש ישיבה אינדערהיים זענען געקומען עטליכע אינגעלייט און בחורים אנשי שלומינו, א בחור איז ארויפגעקומען און פארציילט אז ער האט נישט געהאט וואו צו עסן יעצט, קיינער האט אים נישט געלאדענט, איז ער געגאנגען צו רבי ישעי'לעס קאך, אבער למעשה איז נישט געווען דארט אויסער חלה מיט פיש, ער איז געווען זייער צובראכן, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב גארנישט קיין רחמנות אויף דיר. דו האסט דעם רבי'ן! אנדערע האבן פיינע פיש פלייש קאמפאט און אפילו אייס קרים, אבער זיי האבן נישט דעם רבי'ן, אויף זיי האב איך רחמנות; דער פארפאסטע סעודה וועט אריבערגיין"...

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די הושענות פון שבת וואס מ'זאגט דארט אינצווישן "הושענא יושבת וממתנת עד כלות שבת", אלע פרעגן מ'בעט דעם אייבערשטן אז אין זכות וואס אידן ווארטן דער שבת זאל זיך שוין ענדיגן זאל מען ווערן געהאלפן, דאס איז דען א זכות? דער תירוץ איז פשוט, א איד וויל רייכערן, ער וויל אנצונדן דעם עירקאנדישן, אבער ערווארט, יעצט איז שבת, איך וועל אויסווארטן דעם זמן נאכדעם וועל איך טון אלע מלאכות, דאס איז די שיינקייט פון א איד.

שבת קודש נאכן דאווענען ביים קידוש האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער דעם אז מ'דארף זיך פרייען מיט יעדע קלייניקייט וואס מ'טוט פארן אייבערשטן, ווי מ'זעט אין די הושענות פון שבת "אום נצורה" מ'בעט אין זכות וואס אידן וואס היטן שבת, אין זכות פון היטן אויפן תחום שבת, אין זכות פון עסן סעודת שבת, מ'קען זיך פרייען מיט יעדע קליינע זאך וואס מ'טוט פארן אייבערשטן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער יוסף הצדיק די אושפיזא פון יענעם טאג, וויאזוי האט יוסף הצדיק געקענט ביישטיין די שווערע נסיונות אין מצרים? ווייל ויהי ה' את יוסף, ער איז געווען איין שטיק התבודדות ותפילה, ווי עס שטייט אז פוטיפר זיין בעל הבית האט געזען ווי זיין מויל שאקעלט זיך א גאנצן צייט, נאר אזוי קען מען גראטעווען ווערן פון די שווערסטע נסיונות.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה צוגעברענגט א שטיקל פון חיי מוהר"ן איבערן מאמר חז"ל "כל העוסק בבנין מסמסכן" דער וואס בויעט ווערט ארעם, זאגט דער רבי אז דורך מצוות סוכה ווערט מען גראטעווען. האט דער ראש ישיבה געזאגט, ווייל סוכה איז אמונה, אז מ'גייט מיטן אייבערשטן וועט גארנישט שאטן.

## הושענא רבה

מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא, שפעטער איז מען צוריק געקומען צו משנה תורה, נאכדעם איז געווען א סעודה אין סוכה לכבוד הושענא רבה, דערנאך האט דער גאנצער ציבור אויסגעזאגט תהלים.

הושענא רבה אינדערפרי איז געווען א גרויס התעוררות, דער ראש ישיבה האט עטליכע מאל גערעדט צווישן די הושענות, ער האט אסאך גערעדט איבער דעם אז אונז זענען געבליבן אידן נאר ווייל אונזערע עלטערן האבן געפאלגט די צדיקים מיט תמימות. דער ראש ישיבה האט געגעבען די פרויען מען זאל גיין צניעות'דיג "צניעות איז שיין" האט דער ראש ישיבה געזאגט. אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט מ'זאל בלייבן מיטן לולב - דאס מיינט אמונה א גאנץ יאר, און נישט חס ושלום אריינברענגען אין שטוב די כלים וואס מ'קען זען דערויף שמוציגע זאכן רחמנא לצלן.

## צווייטע טעג

שמיני עצרת ביים קידוש האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט עצות פאר אינגעלייט וואס בלוטיגן ווייל מען מיינט אז מען מוז אנטון די קינדער מיט טייערע בגדים, מען דארף זען געפעלן נאר דעם אייבערשטן, און נישט טראכטן וואס יענער וועט זאגן אויף מיר.

ביים געזעגענען פון די סוכה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אסאך מענטשן ווערן נאך יום טוב "אראפגעלאזט", אבער דער רבי לערנט אונז אויס אז יעדן טאג איז סוכות, שמחת תורה, פסח און פורים, מען נעמט מיט דעם יום טוב און מען האלט עס אן אויף א גאנץ יאר. אויך האט דער ראש ישיבה זייער שטארק ארומגערעדט אז די ערשטע זאך אינדערפרי זאל מען גיין דאווענען, נישט קוקן קיין אימעילס וכדומה "אפילו פאר די געברויך פון הפצה"...

שמיני עצרת און שמחת תורה זענען אפגעראכטן געווארן

<<<<

הערליכע הקפות פאר לאנגע שעות ווי מען האט אויך געזינגען צווישן די הקפות מיט די קינדער, בפרט די אידישע ניגונים וואס ברענגט ארויס די בענקשאפט פון אידן צום אייבערשטן, און די גרויסקייט פון לערנען די הייליגע תורה.

ביי די הקפות האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל נישט שמועסן אין די זייט "א גאנץ ווינטער וועט מען קענען שמועסן, יעצט קומטס טאנצן מיט די תורה!" האט דער ראש ישיבה גזאגט.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביים לשם יחוד פון הקפות זעט מען אז דורך די הקפות נעמט מען אוועק די מחיצת הברזל צווישן אידן אינעם אייבערשטן, זעט מען אז דורך טאנצן די הקפות קען מען אנהייבן שפירן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

שמחת תורה פארן דאווענען איז געווען א שיינע שמועס איבער חתונה מאכן די קינדער יונג און זיי נישט לאזן אלט ווערן.

ביים נעילת החג איז דער ראש ישיבה געווען הייזעריג, דער ראש ישיבה האט געהייסן איסרופן אז די נעילת החג דרשה וועט זיין ביים ליל שישי שיעור דאנערשטאג בראשית.

צו הערן מער פונעם שיינעם יום טוב קען מען הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191 ביי די אפטיילונג פון "לעובדה ולמעשה" און ביים אפטיילונג פון "א איבערבליק מיט די ברסלב'ע ברודער", גאר שיינע שמועסן פון אינגעלייט וואס געבן איבער וואס זיי האבן מיטגעהאלטן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**מי שלא ראה שמחה זו, לא ראה שמחה מימיו!**

**וויליאמסבורג**

## פופצנטער יאר ישיבה אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה



מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען יעצט אנגעהויבן דעם פרישן ווינטער זמן אין ישיבה, ווי די בחורים וועלן עס בעזרת השם אנפילן דעם זמן מיט אסאך תורה תפילה ומעשים טובים.

עס קווועלט דאס הארץ ווען מען זעט ווי די ישיבה גייט שוין אזוי אן, ווען מען טרעט יעצט אריין אין די פופצנטער יאר זינט די ישיבה האט זיך געעפנט, נאך אזויפיל שוועריקייטן און מניעות וואס מען איז דורך די גאנצע צייט, גייט די ישיבה אן מיטן גאנצן שטארקייט און עס קומען כסדר צו מער און מער בחורים וואס ווילן אויך שעפן פון דעם ריינעם קוואל, זיך לערנען א וועג אין לעבן אזוי ווי דער רבי לערנט אונז.

פאר פופצן יאר צוריק ערב יום כיפור תשס"ח, האט מוהרא"ש ז"ל געשריבן א בריוו פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז אזוי ווי מען האט אים ארויסגעווארפן פון די ישיבה וואו ער איז געווען דער מנהל, בלויז פארן חטא אז ער האט מעורר געווען בחורים צו לערנען אסאך משניות און גמרא, דעריבער זאל ער עפענען אן אייגענע ישיבה, און נאך מער מעורר זיין די בחורים אויף התמדה אין לימוד התורה הקדושה.

אינעם בריוו האט מוהרא"ש געשריבן אז די נייע ישיבה דארף נישט הייסן א ברסלב'ע ישיבה, כדי נישט צו מאכן קיין מחלוקת, דער עיקר איז נאר אריינצוברענגען אין די בחורים די אלע הייליגע געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי'ן. אזוי האט דער ראש ישיבה דאן געטון, ער האט געעפנט א נייע ישיבה מיט מסירת נפש, און אנגעהויבן מיט א פרישקייט אריינצווליגן אין די בחורים די ריינע אמונה, צו שפירן און וויסן אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אונז, און אז מען קען אייביג רעדן צו אים, און גלייכצייטיג אריינגעלייגט אין די בחורים א געוואלדיגע געשמאק צו זיצן און לערנען די הייליגע תורה מיט א געוואלדיגע התמדה.

אין א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר איינעם, זעט מען אביסל ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די בראשית-יארן פון די ישיבה, פאלגנד איז אן אויסצוג פונעם בריוו: *מוהרא"ש ז"ל האט מיר געשריבן א בריוו איך זאל עפענען א ישיבה, מוהרא"ש ז"ל שרייבט אין די בריוו, עס דארף נישט זיין מיט'ן נאמען "ברסלב", ווייל דער רבי האט בפירוש געזאגט מען זאל רעדן דיבורי אמונה מיט מענטשן נישט אין זיין נאמען, "וואס גייט מיר אן א מענטש וועט בענטשן ברכת המזון בכוונה ווען ער וועט נישט וויסן אז דאס קומט פון מיר" - האט דער רבי געזאגט. און אזוי האב איך געטון, איך האב געעפנט די ישיבה מיט'ן נאמען "תפארת צבי" אויפ'ן נאמען פונעם ... רבי'ן*

<<<<

ז"ל, ווייל קיינער האט מיר נישט געוואלט פארדינגען א פלאץ וואו צו לערנען מיט די בחורים, איך האב נישט געהאט קיין ברירה, איך האב נישט געהאט וואו צו גיין, מיר זענען געגאנגען אין א זאל וואו מען מאכט שמחות, מיר האבן צעטיילט די זאל מיט מחיצות אויף כיתות און אזוי געלערנט. נאך א וואך האט איינער געזאגט ער איז מסכים אריין צו נעמען די ישיבה בתנאי זיך צו בויען א חסידות, איך האב געפרעגט מוהרא"ש ז"ל איבער דעם, "אוודאי" - האט מוהרא"ש געזאגט - "דער עיקר לייג אריין אין די בחורים לימוד משניות, די בחורים זאלן זאגן פרקים משניות אפילו אן פארשטיין", דאס פלעג איך הערן טאג און נאכט פון מוהרא"ש ז"ל, "לייג אריין אין די בחורים לימוד משניות, די בחורים זאלן זאגן פרקים משניות אפילו אן פארשטיין".

"נאך א פאר וואכן איז מען געקומען צו דעם רב און מען האט אים געסטראשעט אז מען גייט אים באשמוצן מיט כתבי פלסתר וכו', דער רב האט זיך דערשראקן און אונז ארויס געווארפן און ארויף גענומען דעם נאמען "תפארת צבי", האט מוהרא"ש מיר געזאגט צו געבן דעם נאמען "תפארת התורה", אבער עס האט נאך אלץ נישט געהייסן ברסלב, ביי די שיעורים וואס איך פלעג געבן אין ישיבה האב איך נישט גערעדט בשם דעם רבי'ן, נאר "עס שטייט אין די הייליגע ספרים... צדיקים האבן געזאגט... איך האב קיינמאל נישט נאכגעזאגט בשם דעם רבי'ן, די בחורים האבן ניטאמאל געוואוסט ווער מוהרא"ש איז, ווער רבי נתן איז וכו'.

"נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן צו פארשפרייטן, מען האט מפרסם געווען אז איך בין ברסלב, און איך מאך מיינע תלמידים ברסלב, מען האט ארויס געגעבן ספרים און קונטרסים קעגן מיר אז איך בין פארכאפט אין ברסלב און איך בין זייער סכנה'דיג ווייל איך מאך די בחורים ברסלב, האב איך געטראכט צו מיר, אז עס איז יא אזוי אז מען שרייבט אויף מיר איך בין ברסלב, פארוואס זאל איך זיך פארשטעקן? בעסער געזאגט, פון וועמען זאל איך זיך פארשטעקן? האבן מיר געטוישט די נאמען פון די ישיבה צו "תפארת התורה היכל הקודש ברסלב".

דאס אלעס שרייב איך דיר, דו זאלסט נישט אנקוקן מיט א בלבול א ברסלב'ער אינגערמאן וואס עס זעט אויס ווי ער זוכט ארויס צו שטארן, ווען אונטער דאס וואס ער שטארט ארויס ליגט אסאך פארגאסענע בלוט. וויפיל איך זאל דיר שרייבן וואס עס איז אריבער אויף מיר בזיונות, וועסטו קיינמאל נישט גלייבן וואס א ברסלב'ער איד גייט אריבער ווען ער קומט צום רבי'ן, ווי די גאנצע משפחה נעמט זיך אויף אים, מען הייבט אן רודפ'ן, מען הייבט אן טרינקען זיין בלוט שטילערהייט, בשעת ווען די אנדערע קינדער טון וואס זיי ווילן וכו'.

מוהרא"ש ז"ל איז מקורב געווארן ביי די פופצן יאר צום הייליגן רבי'ן, ער האט געלעבט פאר זיך ער איז געווען דבוק צום אייבערשטן, נאך מוהרא"ש'ס חתונה איז געקומען א פעטער פון מוהרא"ש'ס ווייב, ער איז געוואויר געווארן אז מוהרא"ש לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, האט ער געשוואוירן אז ער גייט אים אוועק נעמען פון ברסלב, ער האט אנגעהויבן רודפ'ן מוהרא"ש, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. ביז מוהרא"ש האט געזען אז עס רירט אן זיין שלום בית, האט מוהרא"ש געטון א זאך, און מוהרא"ש פלעגט זאגן אז עס איז געווען א ווילדע זאך, ער האט געדרוקט אלע ספרים פון רבי'ן, און אונטן וואו מען שרייבט נדפס על ידי... האט מוהרא"ש געשריבן "נדפס על ידי אליעזר שלמה ברסלבער נ"ו"... (מיר האבן דא אין ישיבה נאך פון די אלטע ספרים וואו מען קען דאס זען), מוהרא"ש האט אים געוואלט זאגן מיט דעם, אז מיר קענסטו נישט אוועק נעמען פון רבי'ן, דאס איז מיין לעבן דאס איז מיין נאמען, דעמאלט האט דער פעטער געזען אז עס איז נישט דא וואס צו טון.

דאס אלעס שרייב איך דיר דו זאלסט וויסן אז נישט אלעס ווייסטו, ווען דו זעסט ווי א מענטש גייט און קומט און עס זעט אויס כאילו ער זוכט צו מאכן מחלוקת, אז אונטער די "ארויס שטארן", ווי דו רופסט דאס, ליגט אסאך רדיפות.

"דערפאר איז זיכער נישט כדאי צו מאכן מחלוקת ווען מען ווערט מקורב, אז מען קען עס אויס באהאלטן איז זיכער כדאי, אבער מען דארף געדענקען וואס דער רבי האט געזאגט אויף זיין חולק, ווען ער האט אנגעפאנגען קריגן אויף אים: "אויב וועט ער מיר לאזן א וועג פון דער זייט, וועל איך אים גארנישט טון; אבער אז ער וועט מיר אינגאנצן שטערן, וועל איך אים צושניידן אויף שטיקער". דאס גייט ארויף אויף יעדן מקורב, אויב קען מען לערנען דעם הייליגן רבי'נס ספרים בהצנע לכת, מען קען מקיים זיין אלעס וואס דער רבי זאגט אן קיין מחלוקות, מה טוב ומה

<<<<

**נעים; אבער אז מען זעט אז מען גייט פארלירן דעם רבי'ן וכו', דעמאלט איז נישט שייך צו קוקן אויף א צווייטן עס איז א בחינה פון חייך קודמין".**

ברוך ה', יעצט אז מען איז שוין אריינגעגאנגען אין די פופצנטע יאר פון די הייליגע ישיבה, זעט מען באשיינפערליך די סייעתא דשמיא וואס באגלייט די ישיבה אויף טריט און שריט, ווי שיין די ישיבה האט זיך צעוואקסן. און אויסער די בחורים וואס לערנען אין ישיבה, זענען דא נאך טויזנטער בחורים און אינגעלייט פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע האלטן אויך מיט אלע דרשות פון ישיבה, און זיי פרובירן אויך זיך צו שטארקן מיט די הייליגע און געוואלדיגע עצות פון רבי'ן וואס דער ראש ישיבה געבט איבער אין זיינע טייערע שיעורים.

דער סדר היום אין ישיבה אויפן זמן החורף וועט זיין ווי פאלגענד, אכט אזייגער אינדערפרי הייבט זיך אן ישיבה, שחרית וועט זיין צען אייגער, דערנאך פרישטאג, אום 11:45 וועט הרב ר' אלחנן רוטה שליט"א פארלערנען א שיעור אין גמרא מסכת סוכה, דערנאך וועט זיין צייט פאר יעדעם צו לערנען זיינע שיעורים אין חומש, משניות, גמרא, שולחן ערוך און אין כל חלקי התורה יעדער איינער וואס אים ציעט, אום 1:30 וועט דער ראש ישיבה שליט"א פארלערנען א שיעור אין גמרא, א בלאט א טאג, און אום 2:30 וועט דער ראש ישיבה שליט"א פארלערנען א שיינע שיעור אין משניות, 4:15 וועט זיין א שיעור אין הלכה דורך הרב ר' אלחנן רוטה שליט"א, און 5:00 וועט זיין דער בארימטער שיעור התחזקות, ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אויף די וועלט מיט די לימודים פון רבי'ן.

די גרינד פרונציפן פון די הייליגער ישיבה איז געשטעלט בעיקר אויף די הויפט צוויי עצות פונעם רבי'ן, די ערשטע איז צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווען א איד ווייסט אז דער אייבערשטער איז איבעראל, וועט ער עפענען די מויל און אנהייבן רעדן צו אים, און אים דערציילן אלעס וואס עס ליגט אים אויפ'ן הארץ, און מען זעט טאקע בחוש אז די אלע וואס געוואוינען זיך איין צו רעדן צום אייבערשטן, האבן גאר אן אנדערע סארט לעבן, מען איז רואיג און פרייליך, וויסנדיג אז דער אייבערשטער איז ביי מיין זייט און ער וועט מיר שטענדיג העלפן.

די צווייטע זאך איז דער "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געגעבן, וואס אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, אז מען קען בלויז זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ווען מען פארשטייט נישט, און ווער עס וועט זאגן אסאך תורה וועט מיט די צייט זיין קאפ זיך עפענען און ער וועט אלעס פארשטיין. און דערפאר איז נישטא קיין תירוץ "איך פארשטיי נישט קיין לערנען", "איך האב נישט קיין געדולד צו לערנען", ווייל מיט דעם וועג קען יעדער לערנען די הייליגע תורה.

און מען זעט טאקע ווי די בחורים ניצן אויס די צייט, יעדער לערנט זיך זיינע אייגענע שיעורים אין די אייגענע צייטן, איינער אין משניות איינער אין גמרא, און אזוי ווייטער. יעדער לויט זיין דרגא, און במשך די יארן וואס די ישיבה שטייט האט מען געזען ווי די בחורים וואס האבן געפאלגט און געלערנט אויף דעם וועג, האבן גאר שטארק מצליח געווען, און זענען בקי אין אסאך חלקי התורה.

בחורים ענדיגן צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, בחורים ענדיגן ש"ס, בחורים לערנען אסאך אנדערע שיעורים יעדער אויף זיין שטייגער, טייל ענדיגן א מסכת הונדערט און איין מאל, און דאן נעמען זיי נאך א מסכת צו ענדיגן 101 מאל, און אזוי ווייטער.

עס דערפריידט דאס הארץ צו זעהן די שיינע פירות וואס זענען שוין ארויסגעקומען פון ישיבה, די צענדליגע אינגעלייט יוצאי ישיבתינו וואס האבן זוכה געווען אויפצושטעלן בתים נאמנים לה' לשם ולתפארת, מיטנעמענדיג די אלע לימודים וואס זיי האבן געלערנט אין ישיבה אויך אויף נאך די חתונה.

פון די אנדערע זייט דארפן בחורים אז אפילו זיי קענען נישט זיין אין ישיבה, איז גוט אבער ארויפצוקומען פון צייט צו צייט ווי מען קען זען פון דעם בריוו: **איך האב זיך זייער געפריידט דיר צו זען אין ישיבה; שוין א לאנגע צייט וואס איך ווארט דו זאלסט אריינקומען אין ישיבה צו א שיעור אדער סתם זיך זען. מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט מיר געזאגט כמה וכמה פעמים, נישט אלע בחורים דארפן זיצן א גאנצן טאג אין ישיבה, עס זענען דא בחורים וואס עס איז גוט פאר זיי צו ארבעטן וכו', זע אבער זיי זאלן ארויפקומען צו א שיעור, זע זיי זאלן האבן שייכות מיט דיר. דו מאכסט מיך פרייליך ווען דו קומסט אין ישיבה, און איך בין זיכער אז יעדעס מאל דו קומסט אין ישיבה - גייסטו ארויס מיט רווחים. מען ווערט נתעורר לתשובה, מען דערמאנט זיך פונעם חומש'ל, פונעם משניות'ל, מען דערמאנט זיך פונעם באשעפער. אזוי האט דער רבי געזאגט: "ווען מען וועט זיך דערמאנען פון מיר ווען מען ווערן כקטן שנולד", מען וועט אנהויבן פון פריש זיין אן ערליכער איד. קום ארויף נאכאמאל און נאכאמאל.**

**טבריה**

## נייע תלמוד תורה און בית המדרש אין טבריה



דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור אין טבריה זונטאג כה"ב תשפ"א

מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די גאר פריילעכע נייעס יעצט נאך דעם געהויבענעם חודש תשרי, אז עס האט זיך געעפענט א פרישע תלמוד תורה היכל הקודש, און יעצט איז עס אנגעקומען ביז גליל ארץ ישראל אין שטאט טבריה, דאס איז א געוואלדיגע שמחה ביי אלע אנשי שלומינו, ווען מען זעהט אז די קהילה וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט און געארבעט שווער אויף דעם זיין גאנצן לעבן ווערט נאר גרעסער און שענער פון טאג צו טאג מיט נאך א חדר נאך א מיידל שולע נאך א בית המדרש.

אין די זעלבע צייט האט זיך אויך געעפענט אין טבריה א בית המדרש היכל הקודש פאר די תלמידים וואס וואוינען אין דעם געגענט, און דער ראש ישיבה האט טאקע געגעבן א שיעור פאר די מתפללים אינעם טאג פונעם רבינ'ס יארצייט חול המועד סוכות, ארויסברענגענדיג די שמחה אז מען עפענט אויף נאך בית המדרש אויפן רבינ'ס נאמען.

דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט זיי זאלן פאלגן צוויי וויכטיגע תקנות וואס דאס וועט העלפן אז דער בית המדרש זאל האבן גרויס הצלחה, איינס אז מען זאל שטענדיג נאר רעדן פון רבינ'ס דיבורים - רעדן פון די חיזוק וואס קומט ארויס פונעם רבינ'ס שיחות, די צווייטע זאך איז שוין א שווערע תקנה, אז יעדער זאל נאר זיין פארנומען מיט יענעם'ס גשמיות, זען צו ער האט אויף שבת צו מאכן וכדומה, און נישט זיין פארנומען מיט יענעם'ס רוחניות, ווי למשל ווען יענער קומט אין בית המדרש דאווענען וכדומה, די בית המדרש איז געשטעלט צו קוקן יענעם'ס גוטס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט אז אין היכל הקודש פרובירט דער יצר הרע צו מאכן עפעס א מחלוקה און מיט דעם איז ער מרחק מענטשן פון ברסלב, דארף מען זען שטענדיג צו זיך ליבן האבן איינער דעם צווייטן.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן אז ווען דער הייליגער רבי איז געווען אין שטאט טבריה' איז ער געשטאנען ביים קבר רבי עקיבא און געוויזן אויף יבנאל אז דא איז גוט צו וואוינען, דער בית המדרש איז דאך א חלק אין יבנאל, קען מען זאגן אז דער רבי האט געוויזן אויף דעם פלאץ. צו הערן דעם גאנצן שיעור קען מען רופן קול ברסלב 212-444-9194

אין א בריוו ערב שבת קודש פרשת בראשית האט דער ראש ישיבה געשריבן *עס איז דא גוטע נייעס, עס האט זיך געעפנט א תלמוד תורה היכל הקודש אין די שטאט טבריה. ביז דערווייל איז עס קליין, אזוי ווי מיר האבן געעפנט די מוסדות אין וויליאמסבורג מיט געציילטע קינדער, וואס פון דעם איז געווארן א שיינע גרויסע קהילה.*

זה הקטן גדול יהי'ה, פון דעם ווינקל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א לעכטיגקייט פאר די גאנצע געגענט און פאר די גאנצע וועלט.

**ירושלים**

## ישיבה קטנה געעפענט אין ירושלים עיר הקודש



דער ראש ישיבה ביי א באזוך אין ירושלים זונטאג בחוקותי תשפ"ב

פריילעכע נייעס הערט מען פון ירושלים עיר הקודש אז עס האט זיך געעפענט א ישיבה קטנה פאר די בחורים נאך די בר מצוה, וואס וועט זיין געשטעלט צו אריינברענגען די עצות פונעם הייליגן רבי'ן אין די בחורים אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז מיט אונז.

די ישיבה האט זיך געעפנט אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, עס הייבט זיך אן מיט א ווארימע שחרית, דערנאך עסט מען פרישטאג, נאכדעם איז דא א סדר היום פונקטליך וואס מען דארף לערנען, דער מגיד שיעור איז מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו תלמיד הישיבה, וואס האט אסאך געלערנט פונעם ראש ישיבה וויאזוי זיך צו באגיין מיט בחורים.

דער אייבערשטער זאל העלפן פון דעם ווינקל זאל ארויסקומען גוטע תלמידים וואס וועלן אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן.



# מעשיות פון תפילה

## אבא חייא רייזמאן - בני ברק:

שכח אייבערשטער אז איך האב די זכיה צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק, איין טאג צווי וואכן פאר ראש השנה אכט אזייגער אינדערפרי באקום איך א טעלעפאן רוף פון די לעקטער קאמפאני דא אין ארץ ישראל, אז אזוי ווי די בית המדרש האט א חוב פון 2600 שקל פאר די לעקטער, מוזן זיי אפהאקן די לעקטער.

איך האב זיי געבעטן אז זיי זאלן מיר געבן ביז צוועלף אזייגער צו פרובירן צו שאפן די געלט, און נאכנישט אפהאקן די לעקטער, ברוך השם זיי האבן מסכים געווען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר שיקן די געלט גרינגערהייט, איך האב ארויסגעלייגט אן הודעה אז ווער עס וויל האבן א חלק זאל זיך ווענדן צו מיר.

גייט נישט אריבער א שעה און א אינגערמאן רופט מיך אז ער האט פאר מיר צווי טויזנט שקל קעש, ביז צוועלף אזייגער האבן מיר נאך דריי אינגעלייט אנגערופן אז זיי האבן פאר מיר צווי הונדערט שקל, אזוי האב איך געקענט באצאלן די גאנצע חוב פאר די לעקטער. שכח אייבערשטער.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים:

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן מיין שידוך, איך בין געפארן צו מוהרא"ש'ס ציון אויסזאגן תהילים פארגאנגענעם ראש חודש אלול, אזוי אויך בין איך געפארן צום רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, ביי ביידע פלעצער האב איך שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל א חתן ווערן בזכות די צדיקים.

מוצאי יום הקדוש - 40 טעג נאכדעם וואס איך בין געווען ביים ציון פון מוהרא"ש אין יבנאל און געציילטע טעג נאכן צוריק קומען פון אומאן בין איך א חתן געווארן למזל טוב! שכח אייבערשטער!!

## שמשון הערש טייטלבוים - קרית ברסלב:

פאר ראש השנה בין איך געגאנגען נאך געלט צו קענען צאמשטעלן די הונדערט דאלער וואס דער ראש ישיבה האט געבעטן פון אנשי שלומינו, אימיטן גיין נאך געלט האב איך געזען אז ס'איז שוין זייער שפעט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די נעקסטע טיר וואס איך קלאפ אריין זאל מיך געבן די גאנצע געלט וואס איך דארף נאך האבן.

ווי אינטערסאנט עס הערט זיך, די נעקסטע טיר עפנט אויף און בעט טשעינז פון א הונדערטער, איך האב נאר געהאט אביסל וויניגער פון וויפיל ער האט געדארפט, האט ער מיר געזאגט אז איך קען דאס האבן, דאס איז טאקע געווען די סכום וואס איך האב נאך געדארפט האבן, שכח אייבערשטער.

## בערי שניטצלער - קרית ברסלב:

ברוך השם איך האב זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, דורכאויס די גאנצע נסיעה האב איך געהאט זייער אסאך מעשיות פון תפלה, איינע פון די מעשיות זענען אז איך זאל באקומען מיין רענצל, פון ווען מ'איז ארויסגעפארן האב איך געמאכט זייער אסאך תפילות אז מיין רענצל זאל אנקומען, אלץ הערט מען מעשיות פון מענטשן וואס באקומען נישט זייערע רענצלעך, נאכדערצו די יאר האט מען אזוי אנגעשראקן דעם עולם אז מ'גייט נישט קענען באקומען די רענצלעך אויב מען פארלירט דאס, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל באקומען מיין רענצל.

ברוך השם, סיי די וועג אהין און סיי די וועג צוריק בין איך געווען פון די ערשטע וואס האבן באקומען די רענצלעך.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

איין אינדערפרי וועק איך מיך אויף איך געב א קוק אויף מיין טעלעפאן און איך זעה אז ס'ארבעט נישט, די סקרין איז שווארץ, איך האב אנגעהויבן דרוקן אלע קנעפלעך און פרובירט אז ס'זאל ארבעטן אבער ס'צינד זיך נישט אן.

איך האב זייער שטארק אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל אז מיין טעלעפאן זאל ארבעטן, ברוך השם דער אייבערשטער האט אויסגעהערט מיינע תפילות, און מיין טעלעפאן האט געהעריג אנגעהויבן ארבעטן.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א אויסטערלישע מעשה פון תפילה וואס האט פאסירט אין שטאט אומאן ראש השנה תשפ"ג




מיט גרויס זארג האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די בקשה פונעם שמש אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן מוצאי שבת קודש "אנשי שלומינו זאלן מתפלל זיין פאר א חשובע אינגערמאן וואס האט פארלוירן זיין פאספארט דא אין בנין ביכל הקודש", און געבעטן אז מען זאל האלטן אן אויג אויב מ'טרעפט עס.

אלע אנשי שלומינו אינג און אלט האבן געבעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש אז דער חשובער אינגערמאן זאל קענען אהיים פארן אין צייט נאכדעם וואס דער אינגערמאן איז א ארגענטינער בירגער, און דער אמבאסאדע פון ארגענטינע אין אוקריינע איז פארמאכט אין די טעג צוליב די מלחמה.

א חשובער אינגערמאן מאנשי שלומינו מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו האט זיך אריינגעלייגט צו העלפן דעם אינגערמאן און האט זיך פארבינדן מיט די ארגענטינע אמבאסאדע, וואס האט נאך אסאך תפילות צום אייבערשטן און לאנגע שעות פאראהאנדלונגען אהין און צוריק באווילגט צו שיקן אן אימעיל מיט פאפירן וואס זאל אים אפשר קענען ארויספירן פונעם אוקריינע גרעניץ, ער זאל קענען גיין צום אמבאסאדע אין ריישא פוילן צו מאכן אן עמוירדזשענסי פאספארט.

ווען דער באן אויף וואס אנשי שלומינו האבן זיך געפונען אויפן וועג פון וויניצע אוקריינא קיין פשעמישל פוילן איז אנגעקומען צום אוקריינישער גרעניץ שטאט לעמבערג, זענען די גרעניץ וועכטער ארויפגעקומען זיגלען די פאספארטן, ווען זיי האבן געבעטן דעם אינגערמאן זיין פאספארט האט ער זיי געוויזן די ארויסגעפרינטע פאפירן וואס די ארגענטינע באאמטע האבן אים געשיקט, אבער זיי האבן עס נישט געוואלט אננעמען "מען קען נישט ארויספארן אן קיין פאספארט", מען האט אויפגעהאלטן דעם באן איבער איינס און א האלב שעה, ווען אינצווישן האט מען אויסגערופן אויפן מייק סיסטעם אינעם באן אז מען זאל מתפלל אז מען זאל דורכלאזן דעם אינגערמאן מיט זיינע פאפירן אנשטאט א פאספארט. דער אייבערשטער האט צוגעהערט די תפלות פון אנשי שלומינו, און צום סוף האבן זיי מסכים געווען צו זיגלען זיינע פאפירן.

יעצט האט מען געדארפט פרישע תפילות, דער פליגער מיט וואס דער אינגערמאן דארף ארויספארן דעם קומענדיגן טאג אינדערפרי' אין קראקא איז געווען געסקעדזשולט אויף 9:15, און ווען מען איז אנגעקומען קיין פשעמישל איז שוין דער ארגענטינע קאנסול אין ריישא פוילן געווען פארמאכט, אבער דער אייבערשטער האט ווידער געהאלפן אז זיי האבן אויסגעוואורט דעם אינגערמאן איבער דריי שעה נאכן זיין אפיציעל פארשפארט אויפן טאג, און אויפדערנאכט האט ער שוין געהאט זיין נייע פאספארט אין די האנט.

אלע האבן געזען די גרויסע כח פון תפלה, ווען אינמיטן א מלחמה קען מען ארויסגיין פון לאנד מיט בלויזע פאפירן, און דער אמבאסאדע ווארט אויס און געבט תיכף א נייע פאספארט, און אזוי האט ער געקענט ארויפגיין אויף זיין באשטימטע פליגער אין צייט.


Ready whenever you are.
Managing your summer home from a distance can be difficult. It can be stressful having to constantly worry about your property, especially when you want to enjoy a weekend at your second home during the long cold winter and be there at a moment's notice.
With years of varied experience under our belt, KB Group has created a maintenance checklist. We can guarantee the highest quality of service to ensure that you will always come home to the vacation house of your dreams.
Our team will keep a close eye on your property while you are away, ensuring everything is in place and ready for your return.
CALL TODAY 845.637.5367
KB GROUP
property management

# אַ בְּרִיוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, **בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ**, וַוייל עֶס אִיז דַיין מִצְוָה אִיר פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלַייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּחוֹת אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן אִיר צוּ הֶעלְפְן.

עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען קֶען טְשֶׁעפֶּענֶען אַ וַוייבּ, אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט חֲבֵרִים. אַוַדַאי דַארְף מֶען טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיפְן וַוייבְּ'ס חֶשְׁבּוֹן, וַוייל שְׁפֶּעטֶער זֶעט מֶען זִיךְ אַיינְזַאם אַלֵיינְס, אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען נָאר חֲבֵרִים וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט ע"א): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען וַוייל זִי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער וִוי אַ מַאן, אוּן אַז מֶען מַאכְט וֵויינֶען דִי וַוייבּ בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלַן. חוּץ פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ וֶוערְט זִי זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן זִי קֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּן דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל נָאר זֶען וִוי דוּ גֵייסְט אָן אוּן דוּ כַאפְּסְט אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען זֶעט אָן אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" צִי נִישְׁט, **אַ תַּלְמִיד "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" רֶעדְט אֵיידְל אוּן רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה**, עֶר כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה יֶעדְן טָאג.

שִׂמְחַת תּוֹרָה צוּפְרִי קוּם אִיךְ אַרַיין אִין שׁוּל זֶע אִיךְ וִוי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, יֶעדֶער זִיצְט זִיךְ מִיט זַיינֶע סְפָרִים - אֵיינֶער מִיט אַ חוּמָשׁ, אַ צְוֵוייטֶער מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, דֶער מִיט אַ גְמָרָא, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי קֶען מַאכְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר נֶעמְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, עֶר נֶעמְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים דַחְקוּת פוּן פַּרְנָסָה, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאךְ כַאפְּט עֶר אַ גְמָרָא מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ שִׂמְחַת תּוֹרָה צוּפְרִי וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַךְ, לֶערְנְט מֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. מוֹהֲרַנַ"ת שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (פֶּרֶק ו): "**אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִסוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ**, אוֹיבּ דוּ הָאסְט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר, **רוּץ לְחַדְרֵי דִבְרֵי תוֹרָה וּמִיָד הַיִסוּרִין בּוֹרְחִים מִמְךָ**, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה וֶועלְן דִי יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר."

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ דִי מָאנְטָאג נַאכְט שִׁיעוּר (דעמאלט איז די אינגעלייט שיעור געווען מאנטאג נאכט) וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן. אַ גוּטְן טָאג.

# אַ שִׂיחָה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# אַ פְּרִישֶׁע זְמַן

**אִין אַ שְׁמוּעֶס אָנְהֵייבּ זְמַן אַפָּאר יָאר צוּרִיק הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן וֶועגְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַ פְּרִישֶׁע זְמַן:** מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן: "אִיךְ קֶען זִיךְ בַּארִימֶען אַז יֶעדֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט דָא אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אוּן עֶר אִיז נָאכְדֶעם אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן דַפִּים גְמָרָא.

אֵיינְמָאל הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר חָבִיב: **"מִיר קֶענֶען זִיךְ בַּארִימֶען אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי דִיר אָדֶער זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי דִיר הָאט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה מִיט אַ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה"**. אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ בִּין בַּיי מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן טְרַאכְט אִיךְ פוּן דֶעם דִיבּוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

אַ בָּחוּר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ בַּאזוּכְן אַ חַבֵר וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט יָארְן צוּרִיק, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ קַאוֶוע, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן 'מְלַוֵה מַלְכָּה', אַזוֹי זוּכֶענְדִיג צוּקֶער פַאר דִי קַאוֶוע הָאט עֶר מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי דְרָשָׁה אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַארְגְלִיוֶוערְט, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען דִי קַאוֶוע. יֶעצְט זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען הִיטְן שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ', פוּן אֵיין דְרָשָׁה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט (עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה - אוֹיף וֶועם אַלֶע בָּחוּרִים קוּקְן אַרוֹיף - אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער אוּן טִיאַטֶערְס רח"ל מִיט דִי מְצֻיָנִים, אַוַדַאי זֶענֶען רוֹב בָּחוּרִים אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט פַארְמַאכְן זַיין יְשִׁיבָה; יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ רָב אוּן עֶר הָאט חָשׁוּבְ'עֶ מִתְפַּלְלִים, נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ).

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"א) "**אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעָה מְאֹד**" דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן. עֶס קֶען אַרִיבֶּער גֵיין אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט תּוֹרָה, אוּן **אָן תּוֹרָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ אִין אַ סַכָּנָה יֶעדֶע מִינוּט**, אוּן דָאס אִיז מַיין גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז אִיךְ זִיץ דָא אִין יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים שׁוֹין אַכְט יָאר, אוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין דִי נַיינְטֶע יָאר וָואס אִיךְ וֶועל וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען דִי בָּחוּרִים זָאלְן וִויסְן אַלֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק



## אִינְזִין הָאבְּן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען זַיין פָּאטֶער דֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען רָב אִין טֶעטְשׁ, דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל הָאט גֶעהֵייסְן ר' מָרְדְכַי און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זִידִיטְשׁוֹבֶער חָסִיד, הָאט עֶר אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רָב אוֹיבּ עֶר וִויל מִיטְפָארְן מִיט אִים אוֹיף שַׁבָּת צוּם רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא.

אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר און אַ פַארְנוּמֶענֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַהֵיימְפָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועגְן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיבֶּערְדֶעם גֶעט עֶר אִים אִיבֶּער אַ קְוִויטְל אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם זִידִיטְשׁוֹבֶער רֶבִּי'ן זָאל עֶר אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיין קְוִויטְל, און עֶר זָאל אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן, און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת און אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶעגְנְט זִיךְ פון רֶבִּי'ן וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט.

וֶוען דֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם זִידִיטְשׁוֹבֶער רֶבִּי'ן און עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט, הָאט עֶר אִים אוֹיכֶעט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם קְוִויטְל פון דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל און אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן, הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער אָנְגֶערוּפְן, (מִיטְן זִידִיטְשׁוֹבֶער נוּסַח) "יִצְחָק אַייזִיק בֶּן עֶטְיָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן? יִצְחָק אַייזִיק בֶּן עֶטְיָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִינְזִינֶען הָאבְּן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

זֶעט מֶען וָואס אִיז דִי שְׁטְרֶעבּוּנְג פון אַ צַדִיק בְּזֶה הָעוֹלָם, נָאר אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג נָאר אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פון דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט, און אַלֶעס וָואס מֶען הֶערְט, און אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִיז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל אידיש מכתב קס"א)

# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ה -

**פארזעצונג פון פריער:** רֶבִּי שִׂמְחָה זַ״ל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי׳ס טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער אוּן בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים לַאנְגֶע טֶעג וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּכְלַל וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים, עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי וֶועלְט פוּן גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן פְּרִישׁוּת.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דֶערְהֵיים אוּן הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקֶערְט פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן, דֶערְוַוייל הָאט זַיין וַוייבּ דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵיגָא גֶעוַוארְט עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין אוּמְקֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ פְרַייטָאג אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת.

זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, אוּן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בַּאקְן חַלּוֹת, הָאט זִי אָפְּגֶעשֵׁיידְט חַלָּה אוּן דֶערְבַּיי הָאט זִי אִינְזִין גֶעהַאט יִחוּדִים גֶעוואוּיר צוּ וֶוערְן וואוּ אִיר מַאן גֶעפִינְט זִיךְ אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, זִי הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעזֶען, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם.

בַּיים לִיכְט צִינְדְן הָאט זִי ווִידֶער מְיַחֵד גֶעוֶוען יִחוּדִים, זִי אִיז אָבֶּער ווַייטֶער גָארְנִישְׁט גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן. אַזוֹי ווִי זֵיי פְלֶעגְן צִינְדְן לִיכְט זֵייעֶר פְרִי, אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי שָׁעָה פַאר נַאכְט, אִיז זִי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ לִיכְט צִינְדְן צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אוּן דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵוויינְט, אַז זִי ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיר מַאן וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן צוּ אִיר אוּן אִיר גֶעזָאגְט, "עֶר וֶועט קוּמֶען, עֶר וֶועט קוּמֶען, עֶר אִיז שׁוֹין אִין תְּחוּם שַׁבָּת".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיים דַאוֶונֶען מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע דְבֵיקוּת בִּיז הִתְפַּשְׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת. אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר אוֹיךְ זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי הַכָּנוֹת צוּ קִידּוּשׁ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי קִידּוּשׁ אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר מְיַחֵד גֶעוֶוען שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע דְבֵיקוּת.

דִי גַאנְצֶע צַייט פְלֶעגְט זִי גֵיין אַסַאךְ אוֹיפְ'ן צִיּוּן פוּן אִיר הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, זִי הָאט דָארְט אַסַאךְ גֶעוֵוויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ הֵיילִיג קִינְד. אַסַאךְ צַייט הָאט זִי פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ מִיט תְּפִלָּה אוּן הֵיילִיגֶע יִחוּדִים, זִי פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אִין יֶענֶע טֶעג הָאט זִי גֶעשְׁפִּירְט גָאר אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הֶארוֹת וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְמָשְׁל'ן.

אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִין יָאר תקל״ב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מְען דֶערְצֵיילְט אַז גְלַייךְ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט זִי אִים גְלַייךְ אָפְּגֶעגָאסְן דִי הֶענְט זֶעקְס מָאל ווִי מְען דַארְף, אוּן אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן הָאט זִי אִים קוֹדֶם גֶעוואַשְׁן דִי הֶענְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִי צוּגֶעגְרֵייט אוּן גֶענֵייט אַ קַאפְּל וָואס זִי הָאט אִים אָנְגֶעטוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.


דער הייליגער רבי'ס מאמע שטריקט א קאפל פארן רבי'ן

אוּם ח' נִיסָן תקל״ב, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת מְצוֹרָע וָואס אִיז דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעוֶוען שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מְ'הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן נַחְמָן אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן זַיין זֵיידֶע, זַיין טַאטֶע'ס טַאטֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל.

בַּיים בְּרִית אוּן נָאמֶען גֶעבְּן, הָאט זַיין פֶּעטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זַ״ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז דֶער נָאמֶען נַחְמָן אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה', כ״ט) **"זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ מִן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ ה'"** (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה כ״ה, ב') אוּן חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם פָּסוּק (סַנְהֶדְרִין קי״ג:) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי מַאמֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל אוּן אִים גֶעזָאגְט, "בָּרוּכְ'ל [אַזוֹי פְלֶעגְט זִי רוּפְן אִיר הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער], וואוּנְטְשׁ אִים אָן אַז מְ'זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים", הָאט דֶער צַדִיק אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "פֵייגֶעלֶע, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, סְ'אִיז פַארְפַאלְן, מְ'מוּז קְרִיגְן אוֹיף אִים".

דִי צַדֶיקֶת פֵיגָא אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעֲלַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, אִיר הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער פְלֶעגְן אִיר רוּפְן, "פֵייגֶעלֶע דִי נְבִיאָה'טֶע".

פַארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פרשת כי תצא - תשפ"ב

איך האב געהאט די זכי' צו עסן די וואך פרשת כי תצא א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א. ס'איז געווען א אויסנאם הערליכע סעודה, עס האט זיך געשפירט אזוי פרייליך און דערהויבן ממש מעין עולם הבא.

**די עכטע בילד**

ווען איך בין אנגעקומען זענען שוין אלע געזיצן ביים הערליך געדעקטן טיש, דער ראש ישיבה אנגעטון מיט זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע און אלע קינדער ארום. ס'האט זיך געטון דארט לעבעדיג, די בעיבי' האט געוויינט און דער ראש ישיבה האט גערארפט שלום מאכן צווישן עטליכע קינדער וואס האבן זיך געקריגט, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט א חתן פון ארץ ישראל: "ס'איז גאר אנדערש ווען מען זעט דער ראש ישיבה אויף א בימה האלטן א דרשה, ווי ווען מען זעט דער ראש ישיבה אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער... הא?"

**העלפן ביים סעודה**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין שנור אז די וואך וועט זי דארפן אסאך העלפן 'מאמי' ווייל דער ראש ישיבה'ס טאכטער איז אוועקגעפארן אויף שבת.

מען האט געזינגען זמירות. דערנאך האט דער ראש ישיבה געשמעקט בשמים ווייל ס'איז נישט געווען קיין הדסים, און דער ראש ישיבה האט אראפגעשיקט די בשמים פאר אלע אנוועזנדע אין די רייע פון די עלטסטע ביז די יונגסטע.

**בלאזן ביים סעודה**

איין וואך איז געשטאנען אין די שבת טיש אז איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער איז נישט געווען פריילך און ער האט געבלאזן, און ווי אזוי דער ראש ישיבה האט אים פריילך געמאכט. יענע קינד איז ארומגעגאנגען מיט די בלעטל וויזנדיג פאר עטליכע קוק ס'שטייט דא וועגן מיך, אז איך האב געבלאזן... ס'איז בושות... און דער ראש ישיבה'ס ווייב האט זיך אנגערופן צו אים, וואס דארפסטו זיי וויזן, קיינער ווייסט נישט אז ס'איז דיך, דו מאכסט זיך אליינס בושות...

האט דער ראש ישיבה אים צוגערופן און אים דערציילט א מעשה אז ס'איז געווען אמאל א מענטש וואס האט גערופן איינעם צו א דין תורה ווייל יענער האט אים פארשעמט.

וואס איז געווען די מעשה? א מענטש איז אריינגעקומען אין מקוה און אויסגערופן 'איך צייל ביז דריי, דער נאר זאל שוין ארויסגיין!' בין איך שנעל ארויסגעלאפן, איך בין געווארן אינגאנצן פארשעמט... האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט די מעשה, ווער האט אים געהייסן ארויסגיין? ער האט זיך אליינס פארשעמט.

**מעג מען שבת זיך באניצן מיט א צווענגל?**

די באטל גרעיפ דשוס איז געווען צוקוועטשט פון אויבן, און מען האט נישט געקענט אויפמאכן די דעקל. דער ראש ישיבה האט פרובירט אבער ס'איז נישט געגאנגען, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען זאל ברענגען א צווענגל און מיט דעם האט עס דער ראש ישיבה געעפנט. דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז א כלי שמלאכתו לאיסור מעג מען נוצן לצורך גופו ולצורך מקומו, דאס הייסט אויב מען וויל עס נוצן אדער אויב מען דארף די פלאץ פון דעם.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "קינדער קוקסט גוט וואס איך טו, אזוי גייען ענק וויסן וואס צו טון נאך די חתונה. אויב וועלן ענק נישט קוקן, וועלן ענק נישט וויסן וואס צו טון נאך די חתונה." און די קינדער האבן זיך צוגעקוקט ווי דער ראש ישיבה האט אריינגעגאסן פון די בעכער דריי טראפנס וואסער אין די גרעיפ דשוס באטל, און דערנאך האט דער ראש ישיבה צוריק אריינגעגאסן אין די בעכער גרעיפ דשוס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך ארומגעקוקט און געפרעגט, ווער וועט די וואך אויפהייבן די בעכער? און דער ראש ישיבה האט מכבד געווען איינער פון די געסט צו אויפהייבן די בעכער.

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "קינדער, יעצט דארף מען שטיין זייער שיין מיט גרויס דרך ארץ, ווייל אלע מלאכים זענען דא, און דער אייבערשטער איז דא." און דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש.

נאכדעם האבן אלע קינדער געמאכט א רייע ביים סינק און דער ראש ישיבה האט זיי' געוואשן. דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה, דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר איינער פון די קינדער: "גיי אין קאך אריינברענגען די טעלערס פיש, אז מאמי זאל זיך נישט דארפן אויפשטעלן."

<<<<

### אויסלערנען קינדער בעטן מיט דרך ארץ

צוויי קליינע קינדער האבן געדארפט טאמעיטא דיפ, האבן זיי אנגעפאנגען שרייען 'איך דארף טאמעיטע דיפ! געב מיך טאמעיטע דיפ!' אזוי האבן זיי געשריגן נאכאמאל און נאכאמאל. האט זיי דער ראש ישיבה געזאגט: "מען קען נישט שרייען אזוי ביי א סעודה, נאר מען דארף בעטן שיין. לאמיך זען ווי ענק בעטן שיין, וועל איך ענק געבן." אבער זיי זענען געבליבן שטיל.

האט זיי דער ראש ישיבה געוויזן ווי אזוי מען בעט שיין, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: "קענסט מיך פליז ארויפשיקן א טעלער טאמעיטע דיפ?" האט יענער געגעבן א טעלער פאר דער ראש ישיבה. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער: "ענק זעען? איך האב געבעטן שיין האב איך באקומען." און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז אויב זיי וועלן בעטן שיין וועלן זיי אויך באקומען, אבער זיי זענען געבליבן שטיל און דער ראש ישיבה האט זיי טאקע נישט געגעבן.

איינער פון די קינדער איז געגאנגען וויינענדיג צו זיין מאמע, דער ראש ישיבה'ס ווייב, און איר געבעטן אז ער דארף טאמעיטע דיפ. זי האט נישט מיטגעהאלטן די מעשה פון פריער, האט זי געבעטן איינער פון די קינדער זאלן אים געבן. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "דו מיינסט איך וויל אים נישט געבן? איך געב אים זייער גערן. איך וויל אים נאר אויסלערנען אז מען קען נישט שרייען, מען דארף בעטן שיין".

### בעטן פאר ערליכע קינדער

אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "אוי! מען האט עפעס פארגעסן!" יעדער האט זיך פארווינדערט, וואס האט מען פארגעסן? האט דער ראש ישיבה געזאגט 'מען האט פארגעסן צו זאגן לכבוד שבת קודש'!

דער מלמד פון איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האט דארט געגעסן, און ער האט פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז דער קינד איז זייער וואויל אין חדר. האט דער ראש ישיבה עס איבערגעזאגט הויך, אז זיין ווייב זאל אויך הערן די נחת, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז יעדע נאכט וויינען אונז און אונז בעטן דעם אייבערשטן פאר ערליכע קינדער. יעדע מאל ווען מען עפנט די ארון קודש וואס מיינסטו אז איך בעט דעם אייבערשטן? איך בעט צו האבן ערליכע קינדער.

### ביי ענק וויינט מען אויך?

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ. די זופ האט מען סערווירט זייער שיין, מיט א גרויסע טעלער אונטער דעם. און דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די געסט, ביי ענק טוט מען אויך אזוי? ביי ענק סערווירט מען אויך אזוי די זופ מיט א שיינע טעלער אונטער דעם?

עטליכע פון די קינדער האבן געוויינט, יעדע קינד פאר עפעס אנדערש, איינער ווייל ער האט זיך צוקלאפט, איינער סתם אזוי... האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו די געסט, 'ביי ענק וויינט מען אויך? ביי אונזער הויז איז עס אזוי ווי מוזיק'. מען ווערט נישט נערוועז ווען די קינדער וויינען, עס הערט זיך אזוי ווי מוזיק.

און דער ראש ישיבה האט געפיטערט די קליינע קינדער זופ, אויך דער ראש ישיבה'ס איניקל וואס איז דארט געווען פאר שבת. דער ראש ישיבה האט געהאט אסאך געדולד, איינער פון די קינדער האט געבעטן אז ער וויל זופ, אבער ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען מיט די לעפל ביז זיין מויל האט ער באשלאסן אז ער וויל נישט עסן. אזוי איז געווען אפאר מאל, ער האט נאכאמאל געבעטן זופ, און נאכאמאל נישט געוואלט עסן, נאכאמאל געבעטן און נאכאמאל נישט געגעסן.

די קליינע בעיבי יחזקאל האט געוויינט, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב, קענסט אים אהערשיקן צו מיך, איך וועל אים פיטערן. און דער ראש ישיבה האט אים אויך געפיטערט זופ און ער האט זיך בארואיגט.

### בייגל אדער בעיגל?

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשיות פון תפילות וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, איינער פון די קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל באקומען פון זיין רבי בלויע טיקעטס.

האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען ער איז געווען א מלמד פלעגט ער טיילן טיקעטס, און ווען מען האט געהאט 100 בלויע טיקעטס האט מען באקומען א רויטע טיקעט, און ווען מען האט געהאט 100 רויטע טיקעטס האט מען באקומען א אראנדזשע טיקעט, און ווען מען האט געהאט 100 אראנדזשע טיקעטס האט מען באקומען... א גלעט פון די רבי!

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט מיט דעם אז מען דארף נישט טיילן קיין גרויסע זאכן אז די קינדער זאלן זיין צופרידן, דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט דאס געטון נישט מיט קליינע קינדער, נאר מיט גרויסע כתה ט' בחורים...

דער ראש ישיבה האט פארגעליינט נאך א מעשה פון תפילה פון א קינד וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל באקומען א פוטער בעיגל און דער אייבערשטער האט געהאלפן. האט דער ראש ישיבה געפרעגט פונעם מלמד, א פוטער בעיגל אדער א פוטער בייגל? דער מלמד וואס קומט פון ארץ ישראל האט געענטפערט אז ער האט געזאגט בייגל, אבער די קינדער האבן אים פאראכטן 'ניין רבי', מען זאגט

<<<<

בעיגל' האט דער ראש ישיבה אים געזאגט מיט א שמייכל, 'פאל נישט פאר די קינדער... זאג זיי, אונז רופן עס בייגל'.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער נעמט די קינדער אין מקוה ערב שבת מאכט ער פרייליך און ביים אנטון די ציצית פרעגט ער זיי, ווילסט ארויסשטעקן די ציצית אזוי ווי די חסידישער אדער אריינלייגן די ציצית אין די הויזן אזוי ווי די מאדערנע? וואס עסטו שבת, א שבת'דיגע סעודה אדער א שבת לאנטש, א שבת מיעלי? דו עסט טשאלנט אדער טשאהלנט?

## נישט רעדן ניבול פה

איינער פון דער ראש ישיבה'ס איינגלעך האט געזאגט פאר א אנדערע קינד א נישט שיינעווארט וואס די קינדער נוצן אין חדר ווען זיי ווערן נערוועז. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אים זייער שטרענג, 'איך וויל נישט נאכאמאל הערן די ווארט פון דיך'. און דער נייער מלמד האט געפרעגט דער ראש ישיבה וואס די ווארט מיינט טאקע? ווייל די קינדער זאגן עס א גאנצן טאג אין חדר, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ס'איז א מיאוסע ווארט וואס די קינדער נוצן.

און ער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער זאל טאקע טון ווען קינדער רעדן מיאוסע ווערטער אין חדר, למשל ער האט געהערט ווי א אינגל זאגט א ניבול פה ווארט, אבער די אינגל ווייסט אפילו נישט וואס דאס מיינט, און ער האט גארנישט געטון ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט נא, דאס דארף מען גלייך אפשטעלן. האט דער ראש ישיבה געזאגט אפשר ווייסט נאכנישט דער אינגל אז מען טאר נישט זאגן די ווארט, דארף מען אים קודםווארענען און נעקסטע מאל שיקן צו די מנהל.

האט ער געפרעגט דעם ראש ישיבה, ווי אזוי געבט מען א פאטש? וואו געבט מען א פאטש, אויפן פנים? אויף די הענט? האט דער ראש ישיבה אים געזאגט פרעג די מנהל ר' מרדכי נרו יאיר, נעם שימוש ביי אים. ער האט געגומען שימוש ביי מיר, און היינט איז ער א גרויסער מחנך.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אים געזאגט, פארצייל זיי מעשיות פון ר' אלימלך און ר' זושא, פונעם הייליגן בעל שם טוב. דאס וועט זיי אויפפלאמען זיי זאלן ווערן ערליכע אידן.

## אין די הויז קען מען נישט טשעפענען

איינער פון די קינדער וואס האבן זיך געשפילט מיט די טויס איז געקומען זאגן, טאטי יענע קינד האט מיך געטשעפעט! האט דער ראש ישיבה געזאגט שטרענג פאר די לופט 'אין די הויז קען מען נישט טשעפענען'. האט ער זיך בארואיגט און ער איז צוריקגעגאנגען שפילן. אביסל שפעטער איז ער נאכאמאל געקומען אויסזאגן, טאטי יענע קינד צופאטשקעט די טויס. האט דער ראש ישיבה זיך נאכאמאל געמאכט שטרענג 'אין די הויז קען מען נישט צופאטשקענען די טויס'. די אינטערעסאנטע חלק איז געווען, אז יענע קינד אויף וועם ער האט אויסגעזאגט איז אפילו נישט דארט געווען, דער ראש ישיבה האט עס נאר געזאגט צו בארואיגן די קינד וואס איז געקומען אויסזאגן אז מען נעמט שוין קעיר...

## א פרייליכע סעודה

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען זמירות. אינמיטן זענען אריינגעקומען די קינדער פארשטעלטערהייט, איינער מיט א אינטערעסאנטע הוט, א צווייטער מיט א מאדנע טיכל, זיי האבן אלע אויסגעזען גאר אינטערעסאנט, האלטנדיג עטליכע דאלי בערעלעך. און דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט זיי די נייע ניגון 'א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע בעיבי נאך הצלחה'. און דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט מיט זיי, און זיי געגעבן אסאך אויפמערקזאמקייט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געשפילט א פרייליכע געים מיט די קינדער, ער האט גענומען זיין האנטוך, איינגעוויקלט און געווארפן אויף א קינד. און דער ראש ישיבה האט עס צוריקגעבעטן, געהאלטן אין די הענט און געפאכעט קעגן א קינד אהין און צוריק, און געגעבן א שיס אויף א צווייטן. צוריקגעבעטן, און זיך געמאכט ווי ער גייט עס שוין שיסן אויף א צווייטן, און אלע קינדער האבן געבעטן מען זאל עס שיסן יעצט אויף זיי, פלוצלינג איז עס געפלויגן אויף א דריטן. און אפאר מאל האט דער ראש ישיבה עס טאקע יא געווארפן אויף די קינדער צו וועם ער האט געפאכעט. ס'איז געווען זייער פרייליך, די קינדער האבן געלאכט און זיך געפריידט.

א אינטערעסאנטע זאך האב איך באמערקט אינמיטן, אז איינער פון די קינדער האבן עס געוואלט צוריקשיסן אויף דער ראש ישיבה. האט דער ראש ישיבה אים נישט געלאזט, און אים אויסגעלערנט אז ס'איז נישט קיין דרך ארץ און מען קען עס נישט טון צו א טאטע. און דער ראש ישיבה האט אים עס צוריקגעבעטן און ווייטער געשפילט.

## עסן מיט דרך ארץ

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל און פערפל. דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די קינדער זאלן ארייגברענגען די קאלטע פלייש, און צוויי פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געכאפט צוויי שטיקלעך און געגעסן מיט א מורא'דיגן אפעטיט שטייענדיגערהייט מיט עטליכע הענט...

האט דער ראש ישיבה זיי שטרענג געזאגט אז זיי זאלן עסן מיט דרך ארץ, זיך אראפזעצן, און עסן איידל. און דער ראש ישיבה האט זיי פארציילט אז ס'איז דא מענטשן וואס גט'ן זיך וועגן דעם, אז מען עסט נישט איידל קען זיין אז דיין מאן / ווייב וועט זיך פארעקלען פון דיך... און דער ראש ישיבה האט זיי אויסגעלערנט צו עסן איידל מיט דרך ארץ.

<<<<



**דער ראש ישיבה מאכט צייט פאר אלעס**

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן די נייע פירוש אויף ליקוטי מוהר"ן וואס קומט יעצט ארויס 'שפתי תפתח'. אז ס'איז אזוי שיין און קלאר געשריבן אז אפילו קינדער קענען דאס פארשטיין. סתם אזוי בריוון שרייב איך א גאנצן טאג, אבער די פירוש אויף ליקוטי מוהר"ן דאס שרייב איך נאר ווען ס'איז אינגאנצן רואיג, מען דארף זיך קענען אינגאנצן קאנצעטרירן. ווען? פרייטאג נאכמיטאג ווען די קינדער שלאפן...

און דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון דעם אז ס'איז דא מענטשן וואס מאכן סידים, ס'איז דא מענטשן וואס שרייבן בריוון, ס'איז דא מענטשן וואס געבן ארויס ספרים, ס'איז דא מענטשן וואס מאכן שידוכים, ס'איז דא מענטשן וואס מאכן שלום בית, ס'איז דא מענטשן וואס פירן א ישיבה, אדער א חדר, אדער א סקול, אבער דער ראש ישיבה דארף מאכן צייט פאר אלעס... איך געדענק שוין נישט אלעס וואס דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט, אבער איך האב זיך געכאפט אז איך דארף בעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל האבן צייט און כח צו קענען טון אלעס...

**א רחמנות אויף אידישע קינדער**

א בחור האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ער זאל גיין צו די משפיע וואס ער פלעגט זיך דרייען ביי אים פאר ער איז מקורב געווארן, ווייל יענער איז יעצט געקומען קיין וויליאמסבורג. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער זאל מאכן התבודדות אויף דעם, ער זאל בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל וויסן וואס צו טון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן און געזאגט, 'איך האב גרויס רחמנות אויף אידישע קינדער'. דער ראש ישיבה האט פארציילט 'פאר איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן האב איך געזוכט איבעראל, איך בין געווען הונגעריג, איך האב זיך צוגעהערט צו יעדע שמועס אין בית המדרש, איך בין געווען ביי יעדע רבי', איך האב געזוכט און געזוכט איך האב געוואלט זיין א ערליכער איד'. און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט וויאזוי ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן און ס'האט זיך געעפענט נייע וועלט, איך קען אויך רעדן צום אייבערשטן... און דער ראש ישיבה האט געהאלטן אינאיין זאגן, 'איך האב גרויס רחמנות אויף אידישע קינדער...' אונז צו דערמאנען אז מען דארף גיין הפצה, אז נאך אידישע קינדער זאלן אויך וויסן פון די לעכטיגע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

**מען ברענגט אריין די אייסעס**

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די אייסעס! אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן הערנדיג אז מען ברענגט שוין די אייסעס, דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט צוויי ברעיקאפס אין זיין שטריימל און געטאנצן, אלע קינדער זענען געווען זייער פריילך...

די קינדער האבן אויך געוואלט נעמען אייסעס און טאנצן מיט דעם, אבער דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיי 'אלע קינדער לייגן שיין צוריק די אייסעס' אבער די קינדער האבן נישט געפאלגט, האט דער ראש ישיבה געזאגט 'אויב מען פאלגט נישט איז נישטא קיין אייסעס'. און דער ראש ישיבה האט צוריקגעלייגט די אייסעס אויפן טיש און עס צוגעדעקט מיט א האנטוך און מען האט געבענטשט.

שפעטער האט דער ראש ישיבה צוריק ארויסגענומען די אייסעס און געזאגט אז ווער עס פארציילט א מעשה פון תפילה קען באקומען א אייסעס

**וויצן ביי די סעודה**

נאכדעם איז געווארן זייער פריילך, דער ראש ישיבה און די קינדער האבן געמאכט דשאוקס און מען האט געלאכט און געלאכט... דער ראש ישיבה האט געפרעגט 'וועלכע זאך ווען מען ווארפט עס ארויף אין די לופט בלייבט עס שטיין?' די ענטפער איז: א שטיין... 'וועלכע זאך ווען מען ווארפט עס ארויף בלייבט עס שטעקן?' א שטעקן...

איינמאל איז געווען א מענטש וואס איז געקומען צו די דאקטער און געזאגט אז יעדע מאל ער טרינקט טיי טוט אים זיין אויגן זייער שטארק וויי. האט אים די דאקטער געזאגט אז ער וויל זען ווי אזוי ער מאכט א טיי. די מענטש האט אנגעפאנגען צו מאכן א טיי, און ער האט גענומען א לעפל צו אויסמישן די האניג מיט די טיי, און אזוי האט ער אנגעפאנגען צו טרינקען. אבער די לעפל האט אריינגעהאקט אין זיין אויגן און ס'האט אים ווי געטון... און דער ראש ישיבה האט עס נאכגעמאכט מיט די לעפל און די קאפ, און אלע קינדער האבן געלאכט...

אמאל איז געווען איינער וואס איז האט נישט געהאט וואס צו טון, פלעגט ער יעדן טאג קומען צו די דאקטער אז עפעס אנדערש טוט אים וויי. איינמאל איז אדורך אפאר טעג וואס יענע מענטש איז נישט געקומען. די נעקסטע מאל וואס ער איז געקומען האט אים די דאקטער געפרעגט, וואס איז געשען לעצטע וואך אז דו ביסט נישט געקומען? האט ער געענטפערט אז לעצטע וואך האט ער נישט גוט געפילט... און אזוי ווייטער, איך געדענק שוין נישט פונקטליך אלע דשאוקס וואס מען האט פארציילט, אבער ס'איז געווען דארט זייער זייער פריילך...

**שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא ערליכע און געשמאקע סעודה, איך האף אז די ליינערס פון קרית ברסלב בלעטל וועלן הנאה האבן פון דעם און זיך ארויסלערנען שיינע זאכן.**

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

**מרדכי היימליך - קרית ברסלב ברענגט ארויס א שיינע נקודה:**

דער ראש ישיבה איז אונז כסדר מעורר איבער די שעדליקייט פון אריינברענגען אין שטוב א טעלעפאן, אדער האבן א טעלעפאן אן א פילטער, אזוי אויך דער ראש ישיבה רעדט צו אונז כסדר וועגן די עקלדיגקייט פון נאכמאכן א גוי, אבער מען זעט אז אין די הייליגע טעג, ווי הושענא רבה, שמחת תורה אדער יום כיפור, שניידן די ווערטער אריין אין הארץ אויף גאר א אנדערע וועג, מען הערט פון אסאך תלמידים וואס עס איז זיי אריין די וויכטיגע לימודים דייקא אין די הייליגע טעג.

דער ראש ישיבה האט גערעדט דערפון אין די סוכה ביים געזעגענען, אז מען זעט ווי די צדיקים האבן גענומען די אלע הייליגע זמנים ווי כל נדרי, הושענא רבה אדער ביי די הקפות מעורר צו זיין אידישע קינדער, ווייל די צייטן האט די סגולה אז עס גייט אריין די ווערטער אין הארץ.

**דער ראש ישיבה האט גערעדט שמחת תורה אינדערפרי ביי די הקפות, פאר יעדע הקפה האט ער גערעדט איבער די מידה פון די הקפה וואס מען קען ארויסנעמען לעובדה ולמעשה, מיר וועלן ברענגען וואס מיר האבן געהערט פון אנשי שלומינו וואס געבן איבער וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט.**

**רפואל פורסט געבט איבער:**

ביי די ערשטע הקפה האט דער ראש ישיבה גערעדט אז די עיקר מידת החסד איז אז מען קען מזכה זיין נאך א איד מיט די אלע עצות וואס מיר באקומען פון רבין, די גרעסטע חסד וואס מען קען טון מיט א מענטש איז א מען געבט אים די שיינע עצות פון רעדן צום אייבערשטן, די דרך הלימוד, שלום בית, און די אלע זאכן וואס דער רבי לערנט אונז.

**הערשל שניצלער געבט איבער:**

ביי די צווייטע הקפה פון מידת גבורה האט דער ראש ישיבה גערעדט ווי א מענטש קען זיך אויסבעטן אז ער זאל האבן די כח זיך צו שטארקן אויף די יצר הרע וואס וויל אים אריינשלעפן אין אלע שלעכטע זאכן, וואס פאר דעם פעלט זיך אויס אסאך תפילות אז מען זאל האבן די כח און שטארקייט זיך צו האלטן ערליך.

**מרדכי היימליך דערציילט:**

וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט ביי די דריטע און פיפטע הקפה, תפארת און הוד.

דער ראש ישיבה האט געשריגן פון טיפעניש פון הארץ, אז מען דארף אזוי שטארק בעטן דעם אייבערשטן מען זאל וויסן וואס עס איז שיין,ליידער היינט זענען דא אזויפיל אידישע קינדער וואס זיי ווייסן נישט וואס מיינט שיין, דער אייבערשטער זאגט אונז וואס שיין איז, וואס ציפסטו דיך די בארד ווען וויילסטו געפעלן? דעם גוי? קוק ווער עס האט אונז די ערשטע פארטיליגט? די דייטשע פאלק, דארט האט זיך אנגעהויבן די גאנצע זאך פון אפשניידן די בארד, לאמיר געדענקען: דער גוי' וועם דו ווילסט נאכמאכן ער האט דיך די מערסטע פיינט, ער וויל דיך פארניכטן, פארברענען, און

אויסמעקן, אזוי ווי מיר זעען ווי די דייטשע חיות האבן מיט אזא רציחה אויסגעהרגעט גאנץ כלל ישראל מיט מיתות משינות אכזריות וואס איז נאכנישט געהערט געווארן אין די היסטאריע.

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרייט צום ווייבער שול און געוויינט צו די פרויען, ער האט זיך געבעטן מען זאל גיין אנגעטון איידל, עס איז עקלדיג, אלע זאכן וואס מען מאכט נאך א גוי, די אלע פראסטע קליידער איז נישט שיין! דאס איז דער גוי, און דאס זענען אלע זיינע וועגן, עס דארף גרוילן א אידיש קינד צו זיין ענדליך צו דער עקלדיגער גוי.

### אליעזר שטראוס:

געבט איבער וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי די פערטע הקפה מידת נצח.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז די מידה פון רבי'ן ניצחתי ואנצח, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט אז דער וואס האלט די לולב אין די האנט איז א סימן אז ער האט געוואונען, און ווי רבי נתן איז עס מסביר אז עס איז נישט קיין חילוק צו דער מענטש פאלט און כאפט קלעפ פונעם יצר הרע, אויב געבט ער נישט אויף זיין ווילן ער גייט ווייטער אן - דאס איז די נצחון.

דאס איז וואס דער רבי האט געזאגט נצחתי ואנצח, אויב מען האט שוין מנצח געווען איין מאל וואס איז שייך נאכאמאל נצחון, האט דער ראש ישיבה מסביר געווען אז דאס איז די ריכטיגע נצחון ווען מען האלט אין איין פאלן אבער מען איז מנצח נאכאמאל און נאכאמאל, ווילאנג מען געבט נישט אויף די רצון איז מען א געווינער.

### בערל שניצלער געבט איבער:

עס איז געקומען אסאך גרופעס פון בחורים פון אלע ישיבות צו די הקפות, דער ראש ישיבה האט גערעדט צו זיי, ער האט זיי געפרעגט איר האט געענדיגט חומש די יאר, אלע האבן געקווענקלט און צום סוף מודה געווען אז זיי האבן נישט מעביר סדרה געווען, און דער ראש ישיבה האט זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן זיך מקבל זיין צו מעביר סדרה זיין אזוי ווי דער רבי לערנט אונז זונטאג ביז שני מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער, אזוי אז אויף שבת איז מען געענדיגט מיט די סדרה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט צו זיי אז זיי זאלן זיך מאכן א שיעור אין משניות אנהייבן פון ברכות זאגן א פרק נאך א פרק, ווען זיי האבן זיך מקבל געווען אז זיי וועלן עס טון האט דער ראש ישיבה געזאגט: איך זאג ענק שוין אז עס היינט נישט געלערנט.... באלד וועט צוקומען גוטע אידן און מסביר זיין אז עס הייסט נישט געלערנט, איך זאג ענק שוין אז עס הייסט נישט געלערנט... האט דער ראש ישיבה געזאגט עס איז נישט דא וואס זיך צו טענה'ן, און דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט איר זענט גרייט זיך אונטערצונעמען אפילו עס הייסט נישט געלערנט...!

### שלמה רוטה געבט איבער:

ביי איינע פון די הקפות האט מען געזינגען א מחי' קאפל א מחי' בארד א מחי' ציצית תפילין פיאות, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז איינער איז צוגעקומען צו אים און געזאגט אז איינער האט אים געזאגט אז ער איז אנגעקומען פאריאר צו די הקפות, עס איז בעיבי'שע הקפות מען זינגט ניגונים פון כיתה ב'... האט דער ראש ישיבה געפייערט: קוק דיך אן, ביי דיר רעדט מען נישט פון די בעיבי'שע זאכן... דיין גאנצע קאפל און פיאות איז נאר א סטייל, ווייל די מענטשן אין די נעבערהו"ד גייען אזוי קענסטו נישט זיין אנדערש, אויב מען רעדט נישט, און מען חזר'ט נישט כסדר זיך צו פרייען מיט די פשוטע זאכן, ציצית, תפילין, קאפל וכדומה, איז די גאנצע אידישקייט נאר א דרויסענדיגע זאך, מען טוט עס נאר ווילאנג מען מוז, מען דארף כסדר האלטן אין איין חזר'ן א מחי' קאפל, א מחי' איך בין א איד א מחי' פיאות, תפילין, אויב וואלט מען דאס גע'חזר'ט מיט די קינדער מיט די בחורים מיט די יונגעלייט וואלט מען נישט אוועקגעפאלן פון אידישקייט.

ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס







## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

מודעה חשובה פאר אנשי שלומינו שיחיו מכון עצתו אמונה זוכט אויפצונעמען מגיהים, שרייבערס און טייפערס לזיכוי הרבים, וואלענטיר ארבעט, צו העלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף די וועלט.

אויב האט איר א געפיל צו דער סארט ארבעט און טוט אין דעם, ביטע שיקט אייער אינפארמאציע

און א דוגמא פון אן ארבעט וואס איר האט שוין געמאכט, צום אימעיל אדרעסס

menahelmae@gmail.com

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

---

Beautiful furnished offices for rent with high speed internet on the route 52

please contact
845-747-0444

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב


## KB Seamstress

Professional Finish Best Prices

Have your job done in 1 week

Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price

All prices are given after job is done

Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know

For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use

Fabric scissors, small scissors, pins, hand needles, tape measure, triangle chalk, bobbins, permanent marker, clear measure stick, seam ripper, tracing paper, tracing wheel, magnet tray, basic colors thread, zippers, shirt buttons, bekisha buttons, hook & eyes, snaps, rubber; clear shoe box containers.

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083



SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

**10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.**

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!



**איר ווילט אוודאי האבן א חלק אין הפצה, צושפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.**

**איר קענט אויך האבן א חלק אין דעם דורך דעם וואס איר העלפט אונז ארויס צושפרייטן די גליונות אין אלע היימישע געגענטער.**

**די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**

**917-474-6118**




## זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - (ח"א)

רַאטֶעוֶועט!!!!

עֶר הָאט אַ מֶעסֶער!!!!!!

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אַרַאבֶּער, עֶר שְׁרֵייט: "אַאַאַאַלַלַלַלַאַ הוּאַאַאַאַקְבַבַּאַאַאַררר!!!"

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר שְׁטֵייט מִיט אַ כַּעַס, עֶר פָאכֶעט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד, עֶר וִויל נָאר רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט חֵיפָה, דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר רֶעדְט, דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג, סֵיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סֵיי בַּיינַאכְט, יֶעדֶע סְעוּדָה וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעצְן מִיט דִי גֶעסְט אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן.

בִּיז אֵיינְמָאל קוּמְט עֶר אַרֵיין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט מִיט אַ מֶעסֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס עֶר וִויל; דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי פוּן דִי שְׁטָאט וָואלְחְיֵי, וֶוען דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר אַוֶועקְלוֹיפְן, דֶער אַרַאבֶּער שְׁרֵייט אַז עֶר וִויל מַאכְן אַ מִלְחָמָה מִיט אַייךְ, אַנְטְלוֹיפְט...!"

דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מְטְשֶׁערְנִי-אוֹסְטְרָאָה; דֶער צַדִּיק הָאט דֶעמָאלְט גֶעווּאוֹינְט אִין חֵיפָה, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעוָואלְט? אוּן וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען?



אַנְטְלוֹיפְט!

דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַן אַרַאבֶּער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי'ס נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן? מַיין זַאךְ אִיז אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי - עֶר הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה ה'.

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**רייזל וועבערמאן תחי' פון קרית ברסלב פארציילט:**
אונזער בעבי חיים נרו יאיר האט נישט גוט געפילט.



געמאלן דורך: רייזל וועבערמאן







# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** חיים מאיר יאקאבאוויטש נרו יאיר – קרית ברסלב

**נאך:** דער הייליגער אמרי חיים פון וויזניץ זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער אים

דער הייליגער אמרי חיים זכותו יגן עלינו פלעגט אויפנעמען יעדן איד מיט די גרעסטע מאס ליבשאפט, אן קיין אינטערשייד ווער דאס איז, ער האט יעדן געזוכט צו מקרב זיין צום אייבערשטן, דאס איז געווען זיין שטרעבן זיין גאנץ לעבן. ער פלעגט אסאך לערנען אויף די פארטש פון זיין דירה און ווען עלטערע אידן פלעגן אדורך גיין פלעגן זיי זיך אפשטעלן רעדן מיט אים, און ער האט זיי אויסגעהערט מיט די גרעסטע רואיגקייט און זיי מחזק געווען.

מען פארציילט אז צוויי ברודערס זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל פון אונגארן, ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטאט חיפה האבן זיי געוואלט אריינגיין אין א געוויסע ישיבה לערנען, אבער מען האט זיי געזאגט אז עס איז נישט דא קיין פלאץ, אויב ענק ווילן קענט עטץ פארן קיין בני ברק צו ישיבת וויזניץ, זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו פארן, האבן זיי זיך מיטגעכאפט מיט א מילך טראק, אנקומענדיג דארט האט דער מנהל געזאגט אז ער נעמט זיי נישט אן ווייל ער ווייסט נישט ווער זיי זענען, זענען זיי געגאנגען פארציילן פארן הייליגן אמרי חיים, האט ער געזאגט אז ער נעמט זיי יא אריין, און אויב איז נישט קיין דא פלאץ פאר זיי קענען זיי שלאפן ביי זיין שטיבל. ווען דער מנהל האט דאס געהערט האט ער זיי שוין אויפגענומען שיין.

איך וויל גיין אין זיינע וועגן צו מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן וואו מען קען נאר.

---

**געשריבן דורך:**
*נחמן שמואל יאקאבאוויטש - קרית ברסלב*



**אויפן בילד:**
**"דער הייליגער אמרי חיים זי"ע"**

# טרעף

## די פֿאַרלאַנגטע ווערטער

"דער באשעפער הערט מיך אויס, איך בין נישט אליין, איך האב וואו צו גיין, דער באשעפער הערט מיך שטענדיג אויס"

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ע | מ | ס | ה | ו | ג | ק | ל | ו | י | ז | ל | א | ל | ה | ל | ש | א | ש | נ | ח | ר |
| ג | ש | מ | ת | ע | מ | ע | א | ט | נ | כ | ק | ל | ט | ס | ט | פ | ק | ק | ט | פ | ד | ד |
| ז | ז | ר | מ | ב | כ | ט | כ | י | ג | ח | צ | י | ש | מ | ק | נ | ג | י | י | נ | ב | ס |
| ר | ט | צ | ז | פ | א | ג | ע | ד | כ | פ | ה | ר | פ | פ | י | ג | נ | ש | כ | כ | ק | מ |
| ו | ד | ק | ז | צ | פ | ש | ס | ת | ע | ל | מ | י | א | י | ע | י | צ | י | צ | צ | י | ז |
| ג | ט | פ | ו | ס | מ | ט | ע | ש | פ | ל | ס | ל | ל | א | ש | ט | א | ל | ב | א | ה | מ |
| א | י | ל | ה | ב | צ | מ | ג | פ | ס | ת | ה | א | פ | ר | ה | ר | ב | ז | ח | ח | ע | א |
| ו | ת | ד | מ | א | ק | ק | ש | ט | ע | ג | מ | ה | ע | ז | נ | ע | נ | ח | ב | ו | פ | ח |
| מ | מ | ל | נ | ש | ז | ט | ר | ס | ו | ר | ק | ע | ס | ע | ת | ה | צ | א | א | נ | ב | מ |
| י | ד | ר | ה | ע | ג | ב | ת | ש | ת | ש | נ | י | ש | ט | ט | ז | נ | ו | ו | ר | ק | פ |
| כ | ע | ת | י | פ | ט | כ | מ | ס | מ | ד | ס | ב | כ | ש | ז | צ | ו | י | י | ק | מ | ר |
| ד | ו | י | ש | ע | ג | ש | ל | ת | ע | ב | ה | ר | ל | נ | מ | ס | פ | ס | ס | ה | ג | ח |
| ס | צ | ה | ע | ר | ט | ת | פ | ר | צ | ג | א | ע | ס | פ | ג | ה | ש | ו | ה | א | ק | צ |







**העלף נחמן נתן אנקומען צום תיבה**



# שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מג.** עַל יְדֵי אֱמֶת נִצּוֹל מִלָּשׁוֹן הָרָע. גַּם תְּפִלָּתוֹ נִתְקַבֵּל. גַּם כְּשֶׁדָּנִים אוֹתוֹ לְמַעְלָה, דָּנִים אוֹתוֹ לְפִי זְכִיּוֹת שֶׁלּוֹ.

**טייטש.** דֶער וָואס זָאגְט אֱמֶת וֶוערְט גֶעהַאטֶעוֶועט פוּן לָשׁוֹן הָרָע, אוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען. אוֹיךְ בַּיים אִים מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן אִין הִימְל, מִשְׁפָּט מֶען אִים לוֹיט זַיינֶע זְכוּתִים אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | 5 | 2 | | |
| | | | | | |
| | | 2 | | 6 | 4 |
| 5 | | | | | 3 |
| | 6 | | | 1 | |
| | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | | 2 | | 8 | | 9 | |
| 6 | 2 | | | 9 | | | 8 | 5 |
| | | | 6 | | 5 | | | |
| 5 | | 7 | 4 | 6 | 3 | 2 | | 9 |
| | 3 | | 9 | | 1 | | 6 | |
| 1 | | 9 | 7 | 8 | 2 | 5 | | 3 |
| | | | 3 | | 6 | | | |
| 2 | 9 | | | 4 | | | 5 | 1 |
| | 7 | | 5 | | 9 | | 2 | |



# חידות

## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי פנחס'ל קאריצער זכותו יגן עלינו פלעגן אנרופן די ווינטער נעכט**

א. די גאלדענע נעכט
ב. די הייליגע נעכט
ג. די לאנגע נעכט
ד. די לעכטיגע נעכט

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי האט געזאגט: אנדערע װאלטן זיך געוואונטשן ראש השנה אזא התעוררות ווי עס איז דא ביי מיר אין ...

**ענטפער:** ערב ראש השנה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**עטי בלום תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בראשית?

## פון אויבן אראפ.

1. טענה נישט מיט _____
3. בעטס דעם אייבערשטן פאר אייערע קינדער זיי זאלן אלע זיין _____
5. אלע וואס האבן שייכות מיט _____ בלייבן ווארעם צום רבין
6. און ווייטער איז זייער גוט אז מען ____ זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן ווי צו א גוטער פריינד
7. זע צו לערנען יעדן טאג _____ פרקים משניות
8. וואו גייסטו? וואו לויפסטו? גיי אין שול דאווען א _____, לערן א פרק משניות, א דף גמרא
9. מען דארף האבן א _____ _____ אין לעבן, נאר אזוי קען מען לעבן
10. אונז זאך איז _____
14. מען מעג רעדן צום אייבערשטן אינמיטן _____

## פון רעכטס צו לינקס.

2. קום אין שול שבת צו אלע _____
4. _____ האט אין זיך אלע סגולות און אלע רפואות
7. ווען איר וועט האבן אמת׳דיג _____ _____, וועט איר זיך קענען אן עצה געבן אין יעדן מצב
11. וואויל איז דער וואס שמועסט מיט׳ן אייבערשטן און דערציילט אים _____
12. דעם רבינ׳ס ספרים איז א _____ פאר אלע פראבלעמען
13. גיס אויס דיין הארץ צום אייבערשטן, בעט פאר אידישע קינדער, _____ פאר אידישע קינדער
15. מען דארף אלץ בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיין א _____
16. מענטשן האבן ליב איינעם וואס קרעכצט נישט, מען האט ליב איינעם וואס זעט נאר _____ אין לעבן
17. אויף דיינע נסיונות איז דא איין עצה, גיי _____ צום אייבערשטן
18. עס לוינט זיך צו קומען צו די _____



איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב

# פרייליכע נייעס!




יעדע וואך ביי אייער טיר

פאר בלויז $3.99

תוכנ׳דיג און ציענדיג
וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ
אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: משה אײנהארן


קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

מען פארקויפט ד' מינים אין שטעטל


קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן

מען גיבט איבערצוקוקן די לולב און אתרוג פארן דיין שליט"א



קרעדיט: משה אײנהארן

מען פארקויפט הערליכע נוי סוכה אין שטעטל


קרעדיט: שלמה האממער

דער ראש ישיבה קוקט איבער די לולב פארן קויפן


קרעדיט: אברמי פרידריך

דער דיין שליט"א קוקט איבער א אתרוג ערב יום טוב


קרעדיט: שבתי מארקוס

**די ברסלב'ע נוי סוכה הענגט אין די סוכה פון מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו - גבאי היכל הקודש וויליאמסבורג**


קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

**מען שטעלט אויף די סוכה פון בית המדרש אין שטעטל**


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה

**דער ראש ישיבה ביים גליונות טישל - נאכן שיעור - ערב סוכות**


קרעדיט: שלמה גוטוויין

**חול המועד סעודה ביים ראש ישיבה אין היכל הקודש וויליאמסבורג**


קרעדיט: שמוליק בלעדי

**סעודת הילולת רבינו אין היכל הקודש וויליאמסבורג**


קרעדיט: גדלי' אפפעל


קרעדיט: גדלי' אפפעל

**פרייליכע טענץ ביי די הילולת רבינו אין היכל הקודש וויליאמסבורג**







**סעודת הילולת רבינו אין היכל הקודש קרית טאהש**







**סעודת הילולת רבינו אין היכל הקודש לאנדאן**







**סעודת הילולת רבינו אין היכל הקודש ירושלים**




**שחרית חול המועד סוכות אין היכל הקודש קרית יואל**
מערקט אלע קינדער מיט די ד' מינים




**די גרויסע סוכה פון היכל הקודש קרית יואל**



קרעדיט: נפתלי זאבעל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל אויף א אויספלוג
חול המועד סוכות



קרעדיט: שלמה גוטוויין

משנה תורה אין היכל הקודש וויליאמסבורג



קרעדיט: שלמה האממער

משנה תורה אין היכל הקודש בארא פארק



קרעדיט: אליעזר דייטש

סעודת הושענא רבה ביינאכט מוצאי שבת קודש
אין היכל הקודש וויליאמסבורג



קרעדיט: אייזיק ראטה

הושענה רבה ביים ראש ישיבה שליט"א אין היכל
הקודש וויליאמסבורג



קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה ביים משמיע זיין פייערדיגע דיבורים
אינצווישן די הקפות הושענה רבה אינדערפרי



קרעדיט: אייזיק ראטה

די גבאי מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו ביים אויסרופן
וויכטיגע אינפארמאציע הושענה רבה נאך שחרית




דער עולם ביים אדורך גיין זיך וואונטשן א גוט יאר מוצאי יום טוב




בשעת'ן ווארטן אין די רייע כאפט מען אריין צו לערנען




הרב ר' אלחנן רוטה שליט"א לערנט פאר דעם דף גמרא מוצאי יום טוב סוכות




מען גרייט צו עסן פאר די בחורים וואס זענען געקומען מיטהאלטן די צווייטע טעג ביים ראש ישיבה







בר מצוה אין ישיבה פון בן ר' יצחק משה רייך הי"ו א' האזינו תשפ"ג




מתפלל ביים אהל ערב סוכות תשפ"ג




גרויסע שטיינער אראפגעשטעלט ביים טייכל צווישן מארקס און די טווין ברידזש גאס אין שטעטל צו קענען גרינגער אריבערגיין

**דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל דאנערשטאג פרשת בראשית תשפ"ג**







**דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם לאקאל פון די באזאר**







**דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם לאקאל פון די קיאסק**







**דער ראש ישיבה באזוכט ביים קרן הדפסה**




**דער ראש ישיבה באזוכט ביים סטודיא**




**דער ראש ישיבה באזוכט אין חדר**




דער ראש ישיבה באזוכט אין חדר און דאווענט מנחה צוזאמען מיט די תלמידים







אין א שמועס מיט די קינדער




קביעת מזוזהביים שטוב פון מו"ה שלמה רוטה הי"ו




קביעת מזוזה ביים שטוב פון מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו




דער ראש ישיבה באזוכט אין בית המדרש פעולת הצדיק

בס״ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה




הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
**יואל רוטה**
שליט״א

היכל הקודש

goodpointmediainc@gmail.com

חיזוק
אום טיר

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718·387·2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

WINTER IS COMING



# Turn up the heat

That of course, if your sumer home is perfectly winterized, completely insulated, and a proper heating was installed. But if not, your time is now to reach out to the KB Group.

With years of experience in the construction and maintenance field under our belt, KB Group will fully winterize your second home anywhere in upstate New York.

No longer your summer home, you'll experience a new and upgraded summer/winter vacation home any season throughout the year.

**CALL TODAY**
**845.637.5367**

**KB GROUP**
**property management**